STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04979

FAR UNDZERE KINDER

Jose Winiecki

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. וויניעצקי

פאר אונדזערע קינדער

צווייטער טייל

(פארן צווייטן לערניאָר)

אַרויסגעגעבן דורכן טעמין־פאָנד ביי דער
יידישער שול אין מעקסיקע

מעקסיקע 1954.

FAR UNDSERE KINDER

LIBRO DE TEXTO
PARA EL SEGUNDO AÑO

POR

J. WINIECKI

EDITADO POR EL FONDO TEMIN

COLEGIO ISRAELITA DE MEXICO
MEXICO, D. F.
1954

IMPRENTA "SABER", BAJIO 319. - MEXICO, D. F.

שבת

דער ערשטער טאָג אין צווייטן קלאַס

יאָסעלע איז היינט געקומען אין שול אַריין ציכטיק אָנגעטאָן, ריין ארומגעוואַשן, פיין צוגעקעמט און זיין פּנימל האָט געשיינט פון פרייד.

עפּעס אַ קליינִיקייט?

שוין אין צווייטן קלאַס!

פון היינט אָן — ווייניקער שטיפן, ווייניקער שפּילן זיך און לערנען מער.

קען דאָך שוין יאָסעלע אַ ביסעלע לייענען און שרייבן פון היינט אָן וועט ער לערנען מער בעסער און שענער לייענען און שרייבן און זינגען שיינע לידער.

יאָסעלע איז אַ קלוגער און ער פאַרשטייט אַז וואָס ער ווערט גרעסער, דאַרף ער ווערן בעסער.

היינט, זאָגט יאָסעלע, איז ביי מיר אַ יום טוב, מיין ערשטער טאָג אין צווייטן קלאַס!

יאָסעלע קומט פון שול אַהיים, אַ פריילעכער, אַ גליקלעכער. ער קושט דער מאַמען, ער קושט דעם טאַטן, ער קושט די ברידער, ער קושט די שוועסטער.

יאָסעלע זאָגט צו אַז פון אַלע קינדער, וועט ער זיין דער בעסטער!

וואָס מיר זײַנען, זײַנען מיר

װאָס מיר זײַנען, זײַנען מיר,
ייִדישע קינדער זײַנען מיר,
ייִדישע לידער זינגען מיר,
אין אַ ייִדישער שול לערנען מיר.

װאָס מיר זײַנען, זײַנען מיר,
גוטע קינדער זײַנען מיר,
װען מיר שטיפֿן, שטיפֿן מיר,
װען מיר לערנען, לערנען מיר!

מאָטעלע װערט אַ לערער

מאָטעלע איז זיבן יאָר אַלט. ער לערנט אין דער ייִדישער שול. ער לערנט ייִדיש און איז אַ גוט ייִנגעלע. אַז ער קומט אַהײם פֿון שול, זאָגט ער צו זײַן טאַטן און מאַמען:

— זעסט, טאַטע, זעסט, מאַמע, איך לייען שױן גוט ייִדיש!

אַז מאָטעלע איז געקומען אין שול דעם ערשטן טאָג, האָט ער זיך שטיל געזעצט אויף זײַן אָרט און האָט געקוקט דעם לערער גלײַך אין מויל אַרײַן.

ער האָט געהערט אַלץ, װאָס דער לערער לערנט. ער האָט געהערט אַ שײן מעשׂהלע, װאָס דער לערער האָט דערציילט די קינדער. ער האָט געהערט די פֿראַגעס, װאָס דער לערער שטעלט און די ענטפֿערס, װאָס די קינדער געבן דעם לערער. ער האָט צוזאַמען מיט אַלע קינדער געזונגען שײנע ייִדישע לידער און אַז ער איז אַהײם געקומען, איז ער געװען זײער פֿריילעך.

איינמאָל קומט מאָטעלע אַהיים און זאָגט צום טאַטן און צו דער מאַמען:

— טאַטע, מאַמע, איך קען שוין אַזוי גוט לייענען. איך קען שוין אַזוי גוט שרייבן.

איך קען שוין זיין אַ לערער. איך וויל זיין אַ יידישער לערער!

האָט מאָטעלע גענומען זיין ברודערל, בערעלע פון פינף יאָר און זיין שוועסטערל רייזעלע פון דריי יאָר און ער האָט צו זיי צוגעשטעלט זייער פערדעלע, זייער הינטעלע און די ליאַלקע און ער האָט געמאַכט אַ קלאַס.

ער האָט זיי געהייסן זיצן שיין און שטיל און הערן אַ מעשה. ער האָט זיי דערציילט אַ מעשה, וואָס ער האָט געהערט פון לערער אין קלאַס.

אין טיר זיינען געשטאַנען טאַטע-מאַמע און האָבן געשמייכלט.

דער זייגער

דער זייגער וועקט מיך אויף
אין שול אַריין צו גיין —
אָבער ער אַליין,
בלייבט אין דער היים.

ער ציילט פון איינס ביז צוועלף,
ער קען נישט מער —
אָבער איך קען ציילן
מער ווי ער.

טעלע און מאַטעלע פלאַנצן ביימער

טעלע און מאַטעלע זיינען געקומען אַהיים פון דער יידישער שול.

זיי זיינען זייער פריילעך צוגעלאָפן צו זייער מאַמען.

טעלע האָט אויסגערופן:

— מאַמע, דער לערער האָט אונדז דערציילט, אַז היינט, חמישה עשר בשבט, פופצן טעג אין חודש שבט, איז ביי די ביימער אין ארץ ישראל, ראש השנה, דער אָנהייב יאָר.

— די ביימער אין ארץ ישראל צעבליען זיך, מאַמע, אַזוי האָט דער לערער דערציילט, האָט מאַטעלע געזאָגט.

— און אַז די יידן זעען די שיינע ביימער, זיינען זיי פריילעך, האָט טעלע פאַרענדיקט.

— וואָס פאַרא ביימער זיינען דאָ אין ארץ ישראל? — האָט געפרעגט די מאַמע.

— מאנדל-ביימער — האָט טעלע געענטפערט — דער לערער האָט אונדז געזאָגט...

— פייגן-ביימער — האָט מאַטעלע צוגעגעבן.

— און מאראנצן-ביימער!

— און טייטל-ביימער!

— און דו ווייסט, מאַמע, וואָס די קינדער אין ארץ ישראל טוען חמישה עשר בשבט?

— האָט טעלע געזאָגט, זיי גייען ארוים מיט זייערע לערערס אין די פעלדער. זיי זינגען און טאַנצן און פלאַנצן ביימעלעך.

מיטאַמאָל האָט מאַטעלע אַ צי געטאָן זיין שוועס־טערל ביי דער האַנט:

— זע, עטעלע, מיר קאָנען אויך פלאַנצן ביימער אין ארץ ישראל. מיר וועלן מאַכן אַזוי. מיר וועלן נעמען פאַפיר און אויסמאָלן בערגעלעך ערד מיט ביימעלעך... און די קינדער האָבן אַזוי געטאָן.

זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש, זיי האָבן גענומען פאַפיר מיט קאָלירטע בלייפעדערס און זיי האָבן אויסגעמאָלן בערגעלעך ערד מיט שיינע, יונגע גרינע ביימעלעך און זיי האָבן אָנגעקוואָלן און טאַנצנדיק געזונגען:

„אין ארץ ישראל זיינען מיר געווען,
קינדער אין גערטנער געזען
צוזאַמען געגאַנגען טאַנצן
און ביימעלעך פלאַנצן!

חוני המעגל

אַמאָל האָט חוני המעגל געריטן אויף אַן אייזל און אויפן וועג האָט ער באַגעגנט אַן אַלטן מאַן, וואָס האָט געפלאַנצט אַ באָקסער־בוים.

האָט אים חוני המעגל געפרעגט:

— אין וויפל יאָר אַרום וועט דער בוים געבן פרוכטן?

— אין זיבעציק יאָר ארום. — האָט דער אַלטער געענטפערט.

האָט חוני המעגל ווידער געפרעגט:

— טראַכסטו נאָך צו עסן די פירות פון דעם בוים?

האָט דער אַלטער געענטפערט:

– אַזוי ווי מיינע עלטערן האָבן געפלאַנצט באָקסער פאַר מיר, אַזוי פלאַנץ איך באָקסער פאַר מיינע קינדער.

חיני המעגל האָט גאָרנישט געענטפערט. ער האָט געטראַכט:

– יאָ, דער אַלטער איז גערעכט. מען דאַרף נישט טראַכטן בלויז וועגן זיך אַליין...



א ד ר

יוסף טרומפּלדור

יוסף טרומפּלדור איז געווען אַ גיבור.

ער האָט צוזאַמען מיט אַ קליינער גרופּע יידישע פּאַרטיידיקער באַשיצט די קאָלאָניע תל חי.

די אַראַבער זיינען געקומען פון סיריע און זייער אַ סך זיינען זיי געווען און ווי די הייזעריקן זיינען זיי באַפאַלן די יידישע קאָלאָניע, וועלכע האָט געאַרבעט ערלעך און קיינעם קיין בייז נישט געטאָן.

די קאָלאָניע איז באַשאָסן געוואָרן פון אַלע זייטן, אָבער קיינער האָט נישט געוואָלט אַנטלויפן, אַלע צו-זאַמען מיט זייער אָנפירער, יוסף טרומפּלדור, האָבן זייערע לעבנס אַוועקגעגעבן פאַר אונדזער פרייהייט.

פאַרן טויט האָט יוסף טרומפּלדור געזאָגט צו זיינע חברים:

— טרויערט נישט נאָך מיר, איך שטאַרב פאַר אונדזער לאַנד: עס איז גוט צו שטאַרבן פאַרן פאָטערלאַנד!

יאָ אדר, עלף טעג אין חודש אדר איז דער יאָרצייט נאָך די העלדן פון תל חי און מיר דערמאָנען דאַן די גבו-רה פון זייער אָנפירער אין קאַמף קעגן די ווילדע אַראַבער, יוסף טרומפּלדור.

אין אונדזער נייער מדינה, ישׂראל דערמאָנט מען מיט אַ סך כּבוד די גיבורים, וואָס האָבן זייערע לעבנס אַוועקגעגעבן פאַר אונדזער פרייהייט.

ביי די טויערן פון דער קאָלאָניע תּל-חי שטייט אַ הויכער שטיינערנער מאָנומענט מיט אַ גרויסן לייב לכּבוד דעם אָנדענק פון דעם גיבור יוסף טרומפּלדור.

פּורים

פּורים, פּורים, שלח מנות,
גראַגערס און מתּנות —
איי וואָס ס׳וועט זיך טאָן!...

גוטע זאַכן וועט מען נאַשן,
מע וועט באַקן המן-טאַשן —
אָנגעפּילט מיט מאָן.

ס׳איז אַ שאָד נאָר בּנאמנות,
וואָס איין טאָג איז שלח מנות.
ס׳האָט געדאַרפט זיין נאָך.

נייטיק וואָלט מען דאַרפן מאַכן
פּורים און די גוטע זאַכן,
כאָטש אַ יעדע וואָך.



שלח מנות

טרעפט, קינדער, וואָס פאַר אַ שלח מנות עס האָבן מיר היינטיקן פורים געשיקט מיין זיידע און מיין באָבע?

שוין איין מאָל אַ שלח מנות!

צוואַנציק סאָלדאַטן, אַלע אויסגעפּוצטע אין פיינע קליידער מיט מעשענע קנעפּ, מיט ביקסן און שווערדן און אַלע... פון בליי.

איך בין פון גרויס פרייד געשפּרונגען ווי אַ ציג, איך האָב געפּאַטשט מיט די הענט און אַרומגענומען און געקושט מיין מאַמען.

— מאַמע, וואָס פאַר אַ שלח מנות זאָל איך אָפּשיקן דעם זיידן און דער באָבען? — האָב איך געפרעגט.

— אַ יידישן בריוו מיט דיין אייגענער האַנט געשריבן שיק זיי, מיין קינד, האָט מיין מאַמע געענטפערט — וועלן זיי זיך פרייען מיטן בריוו, ווי דו מיט די סאָלדאַטן...

האָב איך אַ ביסעלע געטראַכט און דערנאָך האָב איך זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש און האָב אָנגעשריבן אַזאַ בריוועלע:

— טייערע און ליבע זיידע און באָבע!

אַ דאַנק אייך פאַר אייער גוטער און שיינער מתנה.

זייט געזונט און שטאַרק. איך קוש אייך אַ סך מאָל.

אייער אייניקל יאָסעלע.

מער האָב איך נישט געוווסט וואָס צו שרייבן. אָבער אַפילו דאָס קליינע בריוועלע איז אויך געווען זייער גרויס, ווייל יעדער אות אין בריוו איז געווען אַזוי גרויס ווי אַ בלייענער סאָלדאַט, וואָס זיידע-באָבע האָבן מיר געשיקט.

יאכנע דוואָשע

יאַכנע דוואָשע פּאָרט אין שטאָט,
זי האַלט זיך אין איין פּאַקן,
זי דאַרף אויף פּורים קויפן מעל,
המן-טאַשן באַקן.

האָפּ מיינע המן-טאַשן,
האָפּ מיינע ווייסע,
האָפּ מיט מיינע המן-טאַשן
האָט פּאַסירט אַ מעשה.

ס׳גייט אַ רעגן, ס׳גייט אַ שניי,
ס׳קאַפּעט פון די דעכער,
יאכנע פירט שוין קאָרן-מעל
אין אַ זאַק מיט לעכער.

האָפּ מיינע המן-טאַשן...

אברהמל

אברהמל גייט אין שטאָט אריין. ער שלעפּט אויף די פּלייצעס אַ זאַק עפּל.

דער וועג איז אַ שווערער, אַ זאַמדיקער. אברהמל שלעפּט נעבעך קוים די פיס.

פּלוצלונג דערזעט ער — עמעץ פאָרט.

— וווּהין גייסטו דאָס, אברהמל?

— אין שטאָט אריין, עפּל צו פארקויפן.

— קריך אריין אין וואָגן, דו ביסט דאָך פאַרמאַטערט, איך וועל דיך צופירן.

אברהמל פרייט זיך און קריכט אריין אין וואָגן.

— אַ דאַנק דיר, מיכל, אַ דאַנק!

אין אַ ווײַלע אַרום קוקט זיך מיכל אום און זעט — אברהמל זיצט אויפן וואָגן און האַלט דעם זאַק עפּל אויף די פּלייצעס.

— נאַרישער אברהמל, צו וואָס האַלטסטו דעם זאַק אויף די פּלייצעס? לייג אים אַריין אין וואָגן!

— אַ דאַנק דיר, אַ דאַנק! עס איז גענוג וואָס דיינע פערד שלעפּן מיך, זאָלן זיי זיך נאָך מאַטערן און שלעפּן מיין פּעקל?...

ווו בין איך?

דער קליינער אַרעלע איז זייער אַ צעטראָגענער. ער געדענקט נישט קיינמאָל, ווו ער האָט עפּעס אַוועקגע-לייגט און ער האַלט אין איין זוכן. שטייט ער אויף אינ-דערפרי, זוכט ער זיינע קליידער און דערנאָך זיינע בי-כער און העפטן, זוכט ער אַזוי לאַנג, ביז וואַנען ער פאַר-

שפּעטיקט אין שול אַריין. קומט ער אַלע טאָג אין שול אַריין שפּעט. ווען די לערער מיט די קינדער זיינען שוין אין די קלאַסן, לאַכן די קינדער פון אים, באַשטראָפט אים דער לערער און ער ווערט פאַרשעמט.

באַשליסט איין מאָל ארעלע פאַרן שלאָפן גיין אַלץ וואָס ער וועט דאַרפן מאָרגן, צו פאַרשרייבן אויף אַ צעטעלע און אַזוי האָט ער געטאָן. ער האָט גענומען אַ צעטעלע און פאַרשריבן: מיינע קליידער געפינען זיך אויפן שטול, די שיך און זאָקן — אונטערן שטול און דער שטול שטייט אין צימער ביי דער שאַפע. די ביכער און העפטן ליגן אין שאַפע און די שאַפע שטייט אין צימער ריכטיק אַנטקעגן דער בעט.. און איך בין אין בעט.

דאָס צעטעלע האָט ארעלע זיך אונטערגעלייגט צו קאָפּנס אונטערן קישן און זיך געלייגט שלאָפן.

אויפגעשטאנען פרי, נעמט ארעלע דאָס צעטעלע און לייענט:

מיינע קליידער געפינען זיך אויפן שטול — ריכטיק.

די שיך און זאָקן — אונטערן שטול און דער שטול שטייט אין צימער ביי דער שאַפע — ריכטיק.

די ביכער און העפטן ליגן אין שאַפע און די שאַפע שטייט ריכטיק אַנטקעגן דער בעט — אַלץ איז ריכטיק. אָבער... איך? וו בין איך?... האָט ארעלע אַלץ איבערגעקערט, געזוכט און גענישטערט און געהאַלטן אין איין שרייען:

— אָבער וו בין איך? וו בין איך?

און ער האָט ווידער פאַרשפּעטיקט צו קומען אין שול אַריין...

צוויי חברים

צוויי חברים זיינען געגאַנגען שפּאַצירן אין וואַלד.

זאָגט איין חבר צום אַנדערן:

— אַז אַווילדע חיה וועט אָנקומען, וועל איך דיך ניט פאַרלאָזן, איך וועל דיר העלפן.

זאָגט דער צווייטער:

— אויב דו וועסט זיין אין אַ סכנה, וועל איך דיר העלפן.

מיטאַמאָל איז אָנגעקומען אַ גרויסער בער, איז באַלד איינער אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ הויכן בוים און דער צווייטער האָט נישט געקענט קלעטערן, האָט ער זיך געוואָרפן אויף דער ערד, איינגעהאַלטן דעם אָטעם און זיך געמאַכט טויט.

איז צוגעקומען דער בער, האָט אים באַשמעקט, באַטאַפּט און האָט געמיינט אַז ער איז טויט, איז ער אַוועק.

אַז דער בער איז אַוועק, איז דער חבר אַראָפּ פון בוים און האָט אַ פרעג געטאָן זיין חבר:

— וואָס האָט דיר דער בער געזאָגט אויפן אויער?

— דער בער האָט מיר געזאָגט — האָט דער חבר געענטפערט אַז איך זאָל מער זיך נישט חברן מיט אַזאַ וואָס אַנטלויפט ווען אַ חבר איז אין אַ סכנה...

אַרעלע־נאַרעלע

עס איז געווען אַ ייִנגל, האָט ער געהייסן אַרעלע, איז אַרעלע געווען אַ נאַרעלע.

איז שוין אַרעלע אַ דערוואַקסענער ייִנגל און ער שטייט נאָך אַלץ בײַ דער מאַמען אונטערן פֿאַרטעך. זעט די מאַמע, אַז פֿון אַרעלען וועט נישט זײַן קיין לײַט. זאָגט די מאַמע:

— אַרעלע מײַן קינד, גיי צווישן מענטשן, וועסטו ווערן אַ לײַט.

גייט אַרעלע אַרויס אין גאַס, זעט ער — צוויי מענטשן שטייען און רעדן, שטעלט ער זיך אַרײַן צווישן זיי... נעמען די מענטשן אים טרײַבן און יאָגן און דערבײַ האָבן זיי אים גוט אָנגעשלאָגן.

קומט אַרעלע אַהיים און וויינט:

— מאַמע, מענטשן האָבן מיך געשלאָגן...

פֿרעגט די מאַמע:

— פֿאַרוואָס פֿאַרוועגן?

דערציילט אַרעלע די גאַנצע מעשה, ווי אַזוי ער איז געגאַנגען צווישן מענטשן, ווײַל די מאַמע האָט אים געהייסן גיין צווישן מענטשן און ווערן אַ לײַט.

האָט די מאַמע אָפּגעווישט מיטן ברעג פֿאַרטעך אַ טרער און האָט אַזוי געזאָגט צו אַרעלען:

— אַרעלע, מײַן קינד, פֿון הײַנט און ווײַטער, זאָלסטו נישט גיין צווישן פֿרעמדע מענטשן אין גאַס, נאָר זאָלסט גיין צו דער מומע דוואָשע אין שטוב אַרײַן און אַז דו וועסט אַרײַנקומען אינדערפֿרי, זאָלסטו זאָגן — גוט מאָרגן, אין אָוונט, זאָלסטו זאָגן — אַ גוטן אָוונט, שבת, זאָלסטו זאָגן — גוט שבת, יום טוב זאָלסטו זאָגן — גוט יום־טוב, אַז דו וועסט אַוועקגיין בײַטאָג, זאָלסטו זאָגן — אַ גוטן טאָג, אין

אָוונט — אַ גוטע נאַכט, שבת — אַ גוטן שבת און יום-טוב — אַ גוטן יום-טוב.

איז ארעלע אַוועק צו דער מומע דוואָשען און דעם גאַנצן וועג האָט ער זיך געלערנט, וואָס ער דאַרף זאָגן און אַז ער איז אַריינגעקומען האָט ער אויסגעשריגן הויך אויפן קול: — גוט מאָרגן, אַ גוטן אָוונט, גוט שבת, גוט יום-טוב, אַ גוטן טאָג, אַ גוטע נאַכט, אַ גוטן שבת, און אַ גוטן יום-טוב.

האָט די מומע דוואָשע געכאַפּט אַ בעזים, האָט ארע-לען גוט אויסגעבעזימט און אים אַרויסגעטריבן פון שטוב.

קומט ארעלע אהיים און וויינט:

— מאַמע, די מומע דוואָשע האָט מיך געשלאָגן מיטן בעזים...

פרעגט די מאַמע:

— פאַרוואָס? פאַרוועו?

דערציילט ארעלע די גאַנצע מעשה, ווי אַזוי ער איז אַריינגעקומען צו דער מומע דוואָשען אין שטוב אַריין און ער האָט געזאָגט אַלץ, וואָס די מאַמע האָט אים געלערנט.

פרעגט די מאַמע מיט פאַרוווּנדערונג:

— אַלץ מיטאַמאָל? און ווישט זיך מיטן ברעג פאַר-טעך אַ טרער.

פון דאַן אָן האָט שוין די מאַמע איר ארעלען נישט גע-לאָזט אַליין גיין אין ערגעץ און ארעלע איז שוין אַ גרויסער אַ דערוואַקסענער בחור און ער שטייט נאָך אַלץ ביי דער מאַמען אונטערן פאַרטעך און אַז ער גייט אַמאָל אַרויס אינדרויסן, שרייען אים נאָך די קינדער:

ארעלע נארעלע!... ארעלע נארעלע!...

ניסן

פסח

פסח איז אַ גוטער יום טוב,
פסח זיצט מען ביי אַ סדר
אין די נייע שיינע קליידער —
מען עסט מצה, מען טרינקט וויין!

פסח איז אַ גוטער יום טוב,
פסח שפּילן מיר אין ניס,
און געווינט מען — איי איז זיס,
אַלע טאָג זאָל פּסח זיין!

פריידעלע האָט ליב דעם סדר

פריידעלע איז אַ טייער מיידעלע. פריידעלע לערנט אין דער יידישער שול. זי האָט ליב די יידישע שול. זי האָט ליב די יידישע ימים טובים. אַז עס גייט אַוועק דער יום-טוב סוכות, טראַכט זי שוין פון חנוכה. אַז עס גייט אַוועק דער יום טוב חנוכה, טראַכט זי שוין פון פּורים. אַז עס גייט אַוועק דער יום טוב פּורים טראַכט זי שוין פון פּסח.

פּסח האָט זי ליב מער פון יעדן יום טוב. מער ווי אַל'ז האָט זי ליב דעם סדר. זי האָט אַ זיידן און אַ באָבען אין אַן אַנדער שטאָט. מיט צוויי יאָר צוריק זיינען זיידע־באָבע געקומען צו גאַסט, האָבן זיי געמאַכט אַ סדר ביי פריידע־לען אין שטוב. קען פריידעלע דעם סדר נישט פאַרגעסן. האָט זי פאַר פּסח געשריבן צום זיידן אַ בריוועלע. האָט זי צים זיידן אַזוי געשריבן:

— ליבער זיידע, ווי אַזוי פילסטו זיך? ווי אַזוי פילט זיך די באָבע? זיידע, אפשר קענסטו קומען צו אונדז אויף פּסח? איך האָב ליב דעם יום טוב פּסח. דו געדענקסט דעם שיינעם סדר פאַראַיאָרן? קום צו אונדז און פּראַווע נאָכאַ־מאָל אַ סדר. אַ סך קושן פאַר דיר, זיידעניו און פאַר דער באָבען.

דיין אייניקל פריידעלע.

האָט דער זיידע איבערגעלייענט דאָס שיינע בריוועלע און ער האָט באַלד געענטפערט:

מיין ליב אייניקל פריידעלע, זאָלסט זיין געזונט. איך שרייב צו דיר און איך שרייב צו דיין טאַטן. איך קען דאָס יאָר צו אייך נישט קומען. זאָל דער טאַטע דאָס יאָר פּראַ־ווען דעם סדר. האָט איר אין אייער שול אַ קינדער־סדר? ווי אַזוי לערנסטו? ביסטו אַ גוט יידיש מיידעלע?

נו, איך ווינטש דיר אַ פריילעכן פּסח. גריס דיינע טאַטע־מאַמע.

דיין זיידע אברהם.

און פריידעלעס טאַטע האָט געפּראַוועט אַ סדר. איז דאָס געווען אַ שיינער סדר; די מאַמע האָט אַוועקגע־שטעלט יום טוב־ליכט אויפן טיש און וויין און מצות און נאָך גוטע זאַכן. פריידעלעס ברודער האָט געפרעגט די פיר קשיות. דער טאַטע איז געזעסן ברייט ווי אַ מלך און אַלע זיינען געווען זייער פריילעך. שפּעט ביינאַכט האָט פריידעלע געעפנט די טיר און דער טאַטע האָט אָנגע־גאָסן אַ גרויסן כוס וויין לכבוד דעם גאַסט, וואָס קומט אריין...



אַ גאַסט אויף פּסח

אַמאָל איז געווען אין ירושלים אַן אָרעמער ייד, זייער אַ פרומער.

ערב פּסח האָט דער ייד נאָך נישט געהאַט נישט קיין מצות צו עסן, נישט קיין ווייַן צו טרינקען און ער האָט גאָרנישט געהאַט צום סדר.

האָבן זיינע ווייב און קינדער געוויינט און געקלאָגט:

— וואָס וועט זיין, מיר וועלן דאָך האָבן אַ פאַרשטערטן פּסח.

זאָגט דער ייד:

— גאָט וועט העלפן, איך וועל אַרויסגיין אין מאַרק עפּעס פאַרדינען. באַגעגנט אים אַן אַלטער מאַן, אַ הויכער מיט אַ שיינער, גרויער באָרד און אָנגעטאָן איז ער אין ווייסע קליידער.

זאָגט צו אים דער אַלטער מאַן:

— איך בין דאָ אַ פרעמדער און איך זוך אַ יידן ביי וועמען צו זיין ביים סדר. אויב דו ווילסט, וועל איך דיר געבן געלט און וועסט עס געבן דיין ווייב און זאָל זי צוגרייטן דעם סדר.

דער אַלטער מאַן האָט דעם יידן געגעבן אַ זעקעלע מיט געלט און ער איז פאַרשוווּנדן.

איז דער ייד אַוועק צום רב און האָט אים דערציילט די גאַנצע מעשה מיטן פרעמדן יידן.

מאַכט צו אים דער רב.

גיי אַהיים און זאָלסט האָבן אַ פריילעכן און אַ כשרן סדר. צום סדר וועסטו האָבן אַ גאַסט.

— ווער איז דער גאַסט? — האָט דער ייד געפרעגט מיט פאַרוווּנדערונג. דער רב האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— דיין גאַסט איז דער גאַסט פון אַלע יידן אין דער הייליקער סדר-נאַכט.

דאָס איז א ל י ה ו ה נ ב י א.

משה און דאָס שעפּעלע

משה איז געווען אַ פּאַסטוך.

אײנמאָל, ווען משה האָט געפּאַשעט די שאָף און פעלד, האָט ער דערזען ווי אַ שעפּעלע אַנטלויפט פון דער סטאַדע.

משה האָט מורא געהאַט, אַז דאָס שעפּעלע זאָל נישט אַמאָל אַוועקלויפן ווייט פון דער סטאדע און אַ ווילדע חיה פון וואַלד זאָל עס נישט צערייסן, האָט ער זיך געיאָגט נאָכן שעפּעלע. ער האָט עס געוואָלט כאַפּן און עס צוריקברענגען אין סטאדע. איז אָבער דאָס שעפּעלע געלאָפן אַזוי גיך, אַז ער האָט עס נישט געקאָנט כאַפּן. מיטאַמאָל האָט משה דערזען, ווי דאָס שעפּעלע האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ קלאָר טייכעלע און גענומען טרינקען וואַסער.

דאַן האָט משה פאַרשטאַנען, אַז דאָס אָרעמע שעפּעלע איז אַזוי שנעל געלאָפן, ווייל עס איז נעבעך דורשטיק געווען און עס איז געלאָפן צום וואַסערל זיך אָנצו-

טרינקען און אומזיסט האָט ער עס געיאָגט און אַזוי פאַרמאַטערט.

האָט משה גרויס רחמנות געקראָגן אויפן שעפעלע, האָט ער עס געלאָזן זיך אָנטרינקען מיטן וואַסער פון דעם קלאָרן טייכעלע און ווען דאָס שעפעלע האָט געענדיקט טרינקען, האָט עס משה גענומען אויף די הענט אַזוי ווי מען טראָגט אַ קינד און עס אַוועקגעטראָגן אין סטאדע אריין.



חד גדיא

איך האָב פאַר איך אַ מעשהלע,
אַ מעשהלע גאָר שיין,
דער טאַטע האָט אַ ציגעלע,
געקויפט פאַר צוויי גילדוין

אַ ציגעלע אַ ווייסינקע,
אַ שיינינקע ווי גאָלד
און צוויי גילדוין מזומנע,
האָט ער פאַר איר באַצאָלט.

משה און דער דאָרן

משה האָט געפּאַשעט די שאָף פון זיין שווער יתרו. זיינע טעג האָט משה פאַרבראַכט אין דעם מדבר, אָבער זיין האַרץ איז געווען ביי זיינע געפּייניקטע ברידער אין מצרים.

— וואָס וועט זיין דער סוף — האָט משה טרויעריק געטראַכט — צי וועלן זיי דאָס אויסהאַלטן? צי וועלן די שרעקלעכע ליידן און די אַלע צרות, זיי נישט אינגאַנצן אומברענגען? וועלן זיי דאָס קענען אַריבערטראָגן?

האָט זיך גאָט באַוויזן צו משהן אין אַ פייער פון אַ דאָרן. גאָט האָט געזאָגט:

משה, משה, צי מיינסטו, אַז איך האָב מיינע קינדער פאַרגעסן? צי פילסטו נישט, אַז זייער צער איז מיין צער? זע פון וואַנען איך באַווייז זיך צו דיר — פון אַ דאָרנבוים. מיט זיי אינאיינעם לייד איך. אַ גלייכער שותּף בין איך אין זייערע ליידן. זעסטו דעם דאָרנבוים, ווי ער ברענט און ווערט נישט פאַרברענט? צו אים, צו דעם דארנבוים זיינען די קינדער פון ישראל געגליכן. נישט קיין ליידן, נישט קיין פּיין, קיין שום צרות וועלן זיי פון דער וועלט קיינמאָל נישט אומברענגען.

יאנוש קאָרטשאַק

יאנוש קאָרטשאַק איז געווען פון די גרויסע לערער אין פוילן. ער האָט ליב געהאַט יידישע קינדער, ווי זיין לעבן.

ער האָט אָבער אַזוי שטאַרק ליב געהאַט די קינדער, אַז ער איז געווען גרייט פאַר זיי אַוועקצוגעבן אַלץ, אַפי-לו זיין לעבן.

אין זיין קינדער-היים האָבן געוווינט, געאַרבעט און געלערנט קינדער-יתומים און קאָרטשאַק איז פאַר זיי געווען אַ געטרייער טאַטע.

ער האָט איינגעפירט אין זיין קינדער-היים אַ פרייע רעפובליק. די קינדער האָבן זיך באראַטן וועגן אַרבעט, וועגן לערנען, וועגן ווירטשאַפט — וועגן אַלץ. ווי פליי-סיקע בינען האָבן די קינדער געאַרבעט אונטער קאָר-טשאַקס געניטער האַנט, ביז אין איין שיינעם טאָג זיינען אין קינדער-היים געקומען די נאַצישע מערדער און האָבן די קינדער אַרויסגעפירט צום טויט.

קאָרטשאַקן האָבן זיי געוואָלט באַפרייען, ווייל ער איז געווען אַ פוילישער אָפיצער, אָבער — ניין, — האָט קאָרטשאַק געזאָגט — צוזאַמען מיט די קינדער האָב איך געלעבט און צוזאַמען מיט זיי וויל איך שטאַרבן!

איבער די גאַסן פון וואַרשע האָבן מאַרשירט יידישע קינדער מיט זייער לערער, געטריבן דורך די נאַצישע מערדער.

גלייך, רויק, מיט אויפגעהויבענע קעפ, מיט מוט זיי-נען זיי געגאַנגען זייער לעצטן וועג...

יזכור־ליכט

נישט קיין ליכט פון שבת-יום-טוב
צינדן מיר ביי אונדז היינט אָן;
ליכט פון טרויער און דערמאָנונג,
נאָך די קדושים זעקס מיליאָן.

זיידעס, באָבעס, טאַטעס, מאַמעס
מיט די קינדערלעך ביינאנד,
אַלע, אַלע אומגעקומען
פון דעם רשעס מערדער-האַנט.

גרויסע, ווייסע זעקס ליכט ברענען
און אין שטוב איז חושך שוואַרץ...
ליבע, טייערע געשטאַלטן
לייכטן אויף אין אונדזער האַרץ.

אײר

די קלײנע העלדן פון כפר תבור

די מעשה האָט פּאַסירט װען די טערקן האָבן גע־הערשט איבער ארץ ישראל. די קאָלאָניסטן פון כפר תבור האָבן באַשלאָסן אויפצובויען אַ נייע שול־געבײדע. האָט מען געדאַרפט בעטן ביי די טערקן אַ דערלויבעניש. די טערקן זיינען אָבער געװען זייער פויל און עס װאָלט געדאַרפט דויערן מער װי אַ יאָר צו באַקומען אַזאַ דער־לויבעניש. האָבן די קאָלאָניסטן באַשלאָסן בויען אָן אַ דערלויבעניש.

האָט מען אָנגעהויבן בויען און די קינדער האָבן גע־האָלפן בויען זייער שול. װען די װענט זיינען שוין געשטאַ־נען און עס האָט בלויז געפעלט דער דאַך, זיינען געקומען טערקישע סאָלדאַטן און זיי האָבן געװאָלט צעװאַרפן די געבײדע, דערפאַר װאָס מען האָט געבויט אָן אַ דערלוי־בעניש, זיינען אַלע קינדער אַרויף אויף די װענט און זיי האָבן נישט געלאָזט רירן זייער שול. אַז דער אָפיצער האָט געזען, װי די יידישע קינדער פאַרטײדיקן זייער שול, האָט ער אַ שמייכל געטאָן און איז מיט זיינע סאָלדאַטן אַװעק.

אַ גאַנצע נאַכט האָבן די קלײנע העלדן געהאָלפן ענ־דיקן בויען זייער שול און אַז אויף צו מאָרגנס זיינען די סאָלדאַטן װידער געקומען, האָבן זיי שוין געפונען אַ פאַר־

טיקע געביידע און זיי זיינען אַוועק און מער זיינען זיי שוין נישט געקומען די געביידע צעשטערן.

אַזוי האָבן די קליינע העלדן פון כפר תבור געזיגט איבער די טערקישע סאָלדאַטן און זיי האָבן געהאָלפן אויפבויען די נייע געביידע פון זייער שול.

דער קליינער מכבי

קיינער אין קיבוץ האָט נישט באַמערקט ווי דודל האָט געפירט דעם קאנאָן אין וועלדל אריין ווו עס איז געווען אזוי רויק אַז מע האָט געקענט הערן דעם געוויין פון די שאקאלן...

דודל האָט אוועקגעשטעלט דעם קאנאָן אויף אַ בערגל צווישן קוסטעס אַזוי אַז דעם האלדז פון קאנאָן האָט מען גוט געקענט ארויסזען.

דודל האָט זיך באַהאלטן הינטער אַ רוינע פון אַן אַלטער אראַבישער שטוב און ער האָט אינגאַנצן געציטערט.

פלוצלונג האָבן זיך דערהערט אַראַבישע קולות און אַ שיסעריי פון ביקסן. פון דריי זייטן האָבן אַראַבער זיך אַ לאָז-געטאָן אויפן קיבוץ. די גלאָקן האָבן געקלונגען אויף אַלאַרם און האָבן אַלעמען אויפגעוועקט. דערווייל האָט אָנגעהויבן טאָגן און מע האָט שוין גוט געקענט זען, ווי אַראַבער לויפן צום קיבוץ און שיסן פון אַלע זייטן.

מיטאַמאָל האָבן די אַראַבער זיך אומגעקערט צום וועלדל און זיי האָבן אָנגעהויבן שיסן צו די קוסטעס אויפן בערגל.

דודל האָט פארשטאנען אַז די אַראַבער האָבן באַמערקט זיין קאַנאָן און דעריבער האָבן זיי פאַרלאָזן דעם קיבוץ און זיי האָבן זיך גענומען צו זיין קאַנאָן..

אַז די אַראַבער האָבן אויסגעשאָסן אַלע קוילן, האָבן זיי די פאַרטיידיקער פון קיבוץ פאַרטריבן און דאַן האָבן זיי געפונען דודלען אַ פאַרוואונדעטן ביי זיין פאַפירענעם קאַנאָן.

עס איז באַלד געקומען דער דאָקטער און האָט פאַרבונדן דודלס פוס און האָט אים אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל אריין.

צו דודלען אין שפּיטאָל איז געקומען דער גאַנצער קיבוץ און דער קאָמאַנדיר האָט זיך געזעצט ביי דודלס בעטל, האָט זיך איבערגעבויגן איבער אים, האָט אים אַ קוש געטאָן אין שטערן און געזאָגט:

— דודל, דו האָסט געראַטעוועט דעם קיבוץ, דו ביסט אַ העלד און אַלע וועלן דיך רופן „דער קליינער מכבי".

מוטער־טאָג

אויפגעשטאַנען זיינען מיר
פריער פאַרן מאָרגן.
היינט איז מוטער-טאָג,
דאַרף זי גאָרנישט זאָרגן.

אויסגערייניקט, צוגעראמט
האָבן מיר די דירה
מעג די מאַמע גיין אַ טאנץ
מיט די קינדער אירע.

די ליבע מאַמע

אַ קליין מיידעלע איז געגאַנגען אין גאַס. זי איז געגאַנגען, געגאַנגען, ביז זי האָט פאַרבלאָנדזשעט.

האָט דאָס מיידעלע זיך צעוויינט:

— מאַמע, מאַמע, ווו ביסטו מאַמע?

אין גאַס איז געגאַנגען אַ פרוי. די פרוי האָט געזען אַז דאָס מיידעלע וויינט, האָט זי געזאָגט:

קום מיידעלע, קום צו מיר אין שטוב!

האָט די פרוי גענומען דאָס מיידעלע צו זיך אין שטוב.

אויפן הויף זיינען געווען קינדער. די קינדער האָבן זיך געשפּילט און אַז זיי האָבן דערזען אַ וויינענדיק מיידעלע, האָבן זיי געזאָגט:

— שאַ, מיידעלע, וויין נישט, קום שפּיל זיך מיט אונדז. נאַ דיר שיינע זאַכן, און זיי האָבן איר געגעבן שיינע, טייערע זאַכן.

איין מיידעלע האָט איר געגעבן אַ ליאַלקע. איין מיידעלע האָט איר געגעבן אַ בוך. דאָס בוך האָט געהאַט שיינע מעשהלעך און פיינע בילדער איין מיידעלע האָט איר געגעבן זייער שיינע קאַרעלן. אַלע קינדער האָבן איר געגעבן שיינע, טייערע זאַכן.

דאָס מיידעלע איז געוואָרן פריילעך. די קינדער האָבן זיך מיטן מיידעלע זייער שיין געשפּילט. זיי האָבן געטאַנצט און געזונגען און ווי די יונגע ציגעלעך געשפּרונגען.

פּלוצלונג דערזעט דאָס מיידעלע איר מאַמען.

— מאַמע, מאַמע, האָט דאָס מיידעלע אַ געשריי געטאָן. זי האָט איבערגעלאָזט די קינדער. זי האָט איבערגעלאָזט אַלע שיינע, טייערע זאַכן און איז גיך געלאָפן צו דער טייערסטער זאַך אין דער וועלט. צו איר ליבער מאַמען.

דער טייערער אוצר

און אַ קליין שטיבעלע, גאַנץ פון אַ געדיכטן וואַלד, האָט געוווינט אַן אָרעמע אלמנה מיט איר קליין זינעלע, אַ בן יחיד. האָט דאָס זינעלע אַלע טאָג געבעטן גאָט, אַז ער זאָל צושיקן אַן אוצר פאַר זיין אָרעמער מאַמען.

איינמאָל האָט די אלמנה געשיקט איר געטריי זינעלע אין וואַלד אַריין, ער זאָל אַנקלייבן שפּענדלעך איינצוהייצן דעם אויוון. איז ער אַזוי זוכנדיק שפּענדלעך, אַריין טיף אין וואַלד אַריין. פּלוצלונג האָט ער אויפגעהויבן די אויגן און דערזען אַ קאַרליקל אָנגעטאָן אין קאָלירטע קליידער מיט אַ רויט שפּיציק מיצל אויפן קאָפּ.

שטייט דער קאַרליק אַזוי און קוקט אויפן יינגעלע און שמייכלט צו אים אַזוי זיס און שוייגט.

רופט זיך אָפּ דאָס יינגעלע צום קאַרליק.

— מיין ליבער קאַרליקל, זאָג מיר, איך בעט דיר, ווו קען איך געפינען אַ טייערן אוצר פאַר מיין אָרעמער מאַמען?

לאַכט דאָס קאַרליקל און זאָגט אַזוי:

— ווייסטו דען נישט, שיין יינגעלע, אַז דיין מאַמע האָט שוין געפונען אַ טייערן אוצר? און אַז דאָס קאַרליקל האָט נאָר אָפּגעזאָגט די ווערטער, איז עס באַלד פאַרשוווּנדן צווישן די הויכע ביימער פון וואַלד און דאָס יינגעלע איז געבליבן שטיין פאַרטראַכט:

— ווו האָט מיין אָרעמע מאַמע געקענט געפינען אַ טייערן אוצר? אַז דאָס יינגעלע איז אַהיים געקומען, איז די מאַמע אים אַנטקעגן געלאָפן, אים אַרומגענומען, שטאַרק געדריקט צו זיך, גע־קושט און געפרעגט:

— ווו ביסטו געווען אַזוי לאַנג, מיין טייערער אוצר?!

אַ זיסע זאַך

בערעלע איז אַ קלוג ייִנגעלע. ער איז אויך אַ גוט ייִנגעלע...

בערעלע איז קלוג און גוט און ער האָט זייער ליב זיין מאַמען.

איינמאָל וויל בערעלע גיין אין שול. ער נעמט זיין בוך, ער נעמט זיין העפט, ער נעמט זיין בלייפעדער און ער זאָגט:

— מאַמע, גיב מיר אַ זיסע זאַך.

גיט אים די מאַמע אַ זיס קיכעלע. זאָגט בערעלע:

— ניין, מאַמע, איך וויל נישט קיין קיכעלע.

גיט אים די מאַמע אַ צוקערל. זאָגט בערעלע:

— ניין, מאַמע, איך וויל נישט קיין צוקערל.

גיט אים די מאַמע האָניק. זאָגט בערעלע:

— ניין, מאַמע, איך וויל נישט קיין האָניק. איך וויל נאָך אַ זיסערע זאַך. וווּנדערט זיך די מאַמע און זאָגט:

— וואָס רעדסטו, בערעלע, וואָס איז דען זיסער פון האָניק?

לאַכט בערעלע און זאָגט:

— אַ מאַמעס קוש איז זיסער פון האָניק.

מיין מיידעלע

איך האָב אַ קליינטשיק מיידעלע
מיט ראָזע, ווייכע בעקעלעך.
די הערעלעך צעפּלאָסענע,
זיי הענגען ווי די גלעקעלעך.
צעוויינט זיך ווען מיין מיידעלע
און טרערט מיט אירע אייגעלעך,
איך האָב אַ קליינטשיק מיידעלע
צעוויינט זיך ווען מיין מיידעלע
דערצייל איך איר אַ מעשהלע
פון בלויע, ווייסע פייגעלעך.
אנטשווייגן ווערט מיין מיידעלע
און ווישט זיך אויס די אייגעלעך,
זי וואַרט אַז קומען זאָלן באַלד
די בלויע, ווייסע פייגעלעך.

סיון

שבועות־ליד

דינע, קליינע צווייגעלעך
אין יידישע שטיבער,
הענגען פון דער הייך אַראָפּ,
גרינער נאָך און ליבער.

נאָכגעמאַכטע פייגעלעך
אין דער הייך זיך ציען.
רירן זיך אויף שנירעלעך,
דאכט זיך, אַז זיי פליען.

ביי די פענצטער אויף די ווענט
ביז אין הויך אין לופטן —
בלומען פון געפאַרבט פּאַפּיר,
דאַכט זיך, אַז זיי דופטן,



ספר תורה

תורה איז די בעסטע סחורה

אויף אַ שיף זיינען געפאָרן רייכע סוחרים. זיי האָבן געפירט פאַרשיידענע סחורות. דער האָט געפירט וואָל: דער אַנדערער האָט געפירט פעל און דער דריטער האָט געפירט דימענטן און פערל.

אין אַ ווינקל איז געזעסן אַ געלערנטער און האָט אַריינגעקוקט אין אַ ספר.

— באַווייז דיין סחורה — האָבן די סוחרים פון אים געלאַכט.

— מיין סחורה וועל איך באַווייזן, ווען מיר וועלן בשלום אָנקומען אין לאַנד — האָט דער געלערנטער געענטפערט.

אין מיטן ים זיינען רויבער באַפאַלן די שיף און זיי האָבן צוגענומען ביי די סוחרים די גאַנצע סחורה און זייער געלט. זיינען אַלע סוחרים אָנגעקומען אין לאַנד ווי אָרעמע לייט, אָבער אויפן געלערנטן האָבן געוואַרט אַ סך מענטשן און מען האָט אים אויפגענומען מיט כבוד. האָבן דאן אַלע פאַרשטאַנען אַז תורה איז די בעסטע סחורה.

ווי אזוי הלל האָט געלערנט תורה

הלל איז געווען אַן אָרעמער האלץ-העקער. יעדן טאָג פלעגט ער גיין אין וואַלד אריין, האקן האָלץ. דאָס האָלץ פלעגט ער אוועק-טראָגן אין שטאָט אריין פארקויפן. דאָס געלט וואָס ער האָט פאַר-דינט, האָט ער צעטיילט אין צוויי גלייכע טיילן. איין טייל האָט ער גענומען פאַר זיך און פאַר זיין ווייב און קינדער צו עסן און דעם אַנדערן טייל האָט ער אַוועקגעגעבן דעם שמש פון דער ישיבה אין ירושלים, ער זאָל אים אריינלאָזן לערנען תורה. איין מאָל איז געווען אַ זייער קאַלטער ווינטער-טאָג און עס איז אַנגעפאַלן אַזאַ געדיכטער שניי, אַז הלל האָט נישט געקענט צוקומען צום וואַלד און ער האָט דעם טאָג גאָרנישט פאַרדינט.

הלל האָט אָבער געוואָלט לערנען און קיין געלט צו באַצאָלן דעם שמש, האָט ער נישט געהאַט. וואָס האָט ער געטאָן? איז ער אַרויפגעקראָכן אויפן דאַך און ער האָט צוגעלייגט אַן אויער צום פענצטערל. הונגעריק איז ער געווען און קאַלט איז אים געווען, איז ער געלעגן אויפן דאַך אַזוי לאַנג, ביז ער איז איינגעשלאָפן.

איבער נאַכט איז אַנגעפאלן אַ שניי, וואָס האָט אים אינגאַנצן צוגעדעקט. אויף מאָרגן אינדערפרי, ווען די רביים מיט די תלמידים זיינען געקומען לערנען, האָבן זיי זיך געוואונדערט וואָס אין דער ישיבה איז פינצטער, האָבן זיי אויפגעהויבן די קעפּ און האָבן דער-זען אַ מענטשן אויפן דאַך...

האָט מען דעם דערפרוירענעם הלל אַראָפּגענומען, מען האָט אים דערוואָרעמט און געגעבן עסן און פון דאַן אָן האָט מען אָנגע-זאָגט דעם שמש, אַז מען זאָל אים אריינלאָזן לערנען אָן געלט.

הלל האָט געלערנט אַזוי לאַנג, ביז ער איז געוואָרן אַ גרויסער געלערנטער.

בכורים

פרוכטן פון מיין גאָרטן
האָב איך דאָ געבראכט;
פרוכטן, אַ ל ע סאָרטן,
זעט אַ קויש — אַ פּראַכט!

זעט, עס איז באַצירט מיין קעפּל
מיט אַ קראַנץ פון בלומען.
אין מיין קויש — אַ פלוים, אַן עפּל;
מיט בכורים דאָ געקומען.

און זעט, ווי רויטע עפּל-בעקלעך,
ווי די קאַרשן — אויגן גלאַנצן;
שעמערירן שיך און זעקלעך,
קינדער-פיסלעך טאַנצן...

מאָרגן, מאָרגן!

אַז עס איז געקומען די צייט פון שניט, איז בערעלעס טאַטע אויפגעשטאַנען זייער פרי און איז געגאַנגען אין פעלד אריין.

ער האָט געטראַכט:

— אַרבעט איז פאַראַן אַ סך און דער טאָג איז קורץ...

מיטאַמאָל קומט אים אַנטקעגן אַן אַלטער פריינד.

ביידע פריינד שטעלן זיך אָפּ, גיבן זיך אָפּ שלום און פאַרפירן אַ שמועס:

— וווהין גייסטו, לייבל?

— אין פעלד אריין, שניידן די תבואה. און דו הערשל ווו גייסטו?

— איך, זעסטו, האָב צייט צו שניידן מאָרגן, היינט איז אַ יום טוב אין שטאָט, פאָלג מיך, קום מיט.

הערשל האָט אַזוי לאַנג צוגערעדט לייבלען, ביז ער האָט אים איבערגערעדט און ביידע חברים זיינען אַוועקגעפאָרן אויף אַ יום טוב אין שטאָט אריין. אין שטאָט האָבן די חברים זיך צופיל אָנגעגעסן און אויפן אַנדערן טאָג זיינען זיי געווען אַ ביסל מיד און אַ ביסל קראַנק און זיי האָבן שוין נישט געקענט ארויסגיין אין פעלד שניידן און האָבן ווידער אַמאָל געמוזט אָפּלייגן דעם שניט אויף מאָרגן.

אויפן אַנדערן טאָג איז אַראָפּ אַ שטאַרקער רעגן און די גאַנצע תבואה איז געוואָרן צעשטערט.

פון דאַן אָן האָט בערעלעס טאַטע געלערנט זיין זון צוויי זאַכן:

איינס — דו זאָלסט זיך קיינמאָל נישט לאָזן צורעדן צו קיין שלעכטע זאַכן פון חברים.

צוויי — זאָלסט קיינמאָל נישט אָפּלייגן דיין אַרבעט אויף מאָרגן..



דער רעטעך

דער פרילינג איז געקומען, האָט דער זיידע נוח פאַר דער אַר־בעט זיך גענומען און האָט פאַרזעצט אַ רעטעך.

איז געקומען דער זומער, איז דער רעטעך אויסגעוואַקסן אַ גרויסער, אַ גרויסער און אַ געראָטענער.

האָט דער זיידע נוח געוואָלט דעם רעטעך פון דער ערד אַרויסשלעפּן.

ער שלעפּט און ציט, ציט און שלעפּט און אַרויסשלעפּן דעם רעטעך קען ער נישט.

האָט דער זיידע נוח די באָבע זלאַטע גערופן, זי זאָל העלפן דעם רעטעך פון דער ערד אַרויסשלעפּן.

די באָבע זלאַטע שלעפּט דעם זיידן נוח פאַר דער קאַפּאָטע. דער זיידע נוח שלעפּט דעם רעטעך מיטן גאַנצן כוח. זיי שלעפּן־ציען, ציען־שלעפּן, נאָר דעם רעטעך אַרויסשלעפּן קאָנען זיי נישט.

האָט די באָבע זלאַטע גערופן איר אייניקל פריידל.

דאָס אייניקל פריידל שלעפּט דער באָבען פאַר אַ קליידל, די באָבע זלאַטע שלעפּט דעם זיידן פאַר דער קאַפּאָטע, דער זיידע נוח שלעפּט דעם רעטעך מיטן גאַנצן כוח. זיי שלעפּן־ציען, ציען־שלעפּן, נאָר אַרויסשלעפּן דעם רעטעך קאָנען זיי נישט. האָט דאָס אייניקל פריידל גערופן דאָס הינטעלע טרעפעלע.

הינטעלע טרעפעלע שלעפּט דאָס מיידעלע פריידעלע פאַרן צע־פּעלע, דאָס אייניקל פריידל שלעפּט דער באָבען פאַרן קליידל, די באָבע זלאַטע שלעפּט דעם זיידן פאַר דער קאַפּאָטע, דער זיידע נוח שלעפּט דעם רעטעך מיטן גאַנצן כוח, זיי שלעפּן־ציען, ציען־שלעפּן, נאָר אַרויסשלעפּן דעם רעטעך קאָנען זיי נים.

האָט דאָס הינטעלע טרעפעלע גערופן דאָס קעצעלע דראַפּקעלע.

קעצעלע דראַפּקעלע שלעפּט דאָס הינטעלע פאַר אַ לאַפּקעלע, הינטעלע טרעפעלע שלעפּט דאָס מיידעלע פריידעלע פאַרן צעפּעלע, דאָס אייניקל פריידל שלעפּט דער באָבען פאַרן קליידל, די באָבע

שלעפֿט דעם זיידן פֿאַר דער קאַפּאָטע, דער זיידע נוח שלעפֿט דעם רעטעך מיטן גאַנצן כּוח, נאָר אַרויסשלעפּן דעם רעטעך קאָנען זיי ניט. האָט דאָס קעצעלע דראַפּקעלע גערופֿן דאָס מייזעלע ברעקעלע.

מייזעלע ברעקעלע שלעפּט דאָס קעצעלע פֿאַרן עקעלע, קעצעלע דראַפּקעלע שלעפּט דאָס הינטל פֿאַר אַ לאַפּקעלע, הינטעלע טרע־פּעלע שלעפּט דאָס מיידעלע פֿריידעלע פֿאַרן צעפּעלע, דאָס אייניקל פֿריידל שלעפּט דער באָבען פֿאַרן קליידל, די באָבע זלאַטע שלעפּט דעם זיידן פֿאַר דער קאַפּאָטע, דער זיידע נוח שלעפּט דעם רעטעך מיטן גאַנצן כּוח. זיי שלעפּן־ציען, ציען־שלעפּן און האָבן קוים דעם רעטעך פֿון דער ערד אַרויסגעריסן.

דער זיידע קוועלט, דער רעטעך אים געפֿעלט, די באָבע זינגט, דאָס אייניקל שפּרינגט, דאָס הינטעלע האַווקעט, דאָס קעצעלע מיאַוו־קעט און דאָס מייזעלע ברעקעלע פּאַכעט מיטן עקעלע.

דעם ערשטן שבת, נאָך דער שול, אויב די קינדער וועלן ביים טיש זיצן שטיל, וועט די באָבע דעם רעטעך אָפּשיילן און דעם זיידן מיט די קינדערלעך צעטיילן. געשאָבן, געבראָקט, באַזאַלצן מיט זאַלץ, פֿאַרהאַקט מיט אַ ציבעלע, באַגאָסן מיט שמאַלץ. די קינדער וועלן עסן מיטן פֿולן מויל און דעם זיידן העלפֿן זינגען זמירות אויפֿן קול און די באָבע וועט זיצן ביים טיש, אַנטקעגן און קוועלן, שמייכ־לען און האָבן גרויס פֿאַרגעניגן.

תמוז



נישט צו פאַרשעמען

(אַ מעשה וועגן דאָקטאָר הערצל, ווען ער איז נאָך געווען אַ יונג יינגל)

דאָקטאָר בנימין זאב הערצל, ווען ער איז נאָך געווען אַ יונג יינגל, איז געווען זייער אַ גוטער און אַן איידעלער; ער פלעגט ליב האָבן צוויי זאַכן: העלפן אָרעמע און אַלעמען רעספּעקטירן.

האָט איינמאָל דער יונגער בנימין זאב געקליבן געלט צו העלפן אַן אָרעמען חבר פון זיין שול, איז ער צוגעקומען צו זיין פאָטער און האָט ביי אים געבעטן אַ מטבעה. דער טאַטע האָט אים געגעבן די מטבעה און האָט אים דערפאַר זייער געלויבט. דערביי איז געזעסן אַן אָרעמער קרוב. דער קרוב האָט אויך געוואָלט העלפן בנימין זאבס אָרעמען חבר און ער האָט אַרויסגענומען פון זיין קעשענע אַ מטבעה און האָט עס געוואָלט געבן בנימין זאבן.

בנימין זאב האָט זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען פון זיין קרוב די מטבעה, ווייל ער האָט געוווסט, אַז דער קרוב איז אַן אָרעמער, אָבער פאַרשעמען דעם קרוב האָט בנימין זאב אויך נישט געוואָלט, האָט ער אַזוי זיך אָפּגערופן צום קרוב:

— איר זאָגט דאָך אונדער גאַסט, דאַרף דעריבער דער באַלע־באַס געבן די נדבה פאַר אייך און אייך טאָרן מיר נישט באַלעסטיקן.

בנימין זאבס פאָטער איז דער ענטפער פון זיין קלוגן זון זייער געפעלן געוואָרן און ער האָט אים דערפאַר צוגעגעבן נאָך אַ מטבעה — פאַרן גאַסט...

ווען בנימין זאב איז גרויס געוואָרן, איז ער געוואָרן דער פירער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג: דאָס איז דער גרויסער ציונים־טישער פירער דאָקטאָר טעאָדאָר, בנימין זאב הערצל.

דאָס אָרעמע ייִנגל, וואָס איז געוואָרן אַ גרויסער דיכטער

ס'איז אַמאָל געווען אַ ייִנגעלע, אַן אָרעם קינד, אַ ייִנגעלע אַ יתום, אַן אַ פֿאָטער און געהייסן האָט ער חיים נחמן.

חיים נחמנס מאַמע איז געווען אַ שוואַכע פּרוי. אַ חוץ דעם קליינעם חיים נחמן האָט זי געהאַט נאָך קינדער. און זי האָט געמוזט אַליין שפּייזן אירע קינדער און זייער שווער האָרעווען.

ביז שפּעט אין דער נאַכט איז זי געווען וואַך און געאַרבעט, ביים שיין פֿון אַ ליכטל וואָס האָט געברענט אין קליינעם צימער. און דאָס ייִנגעלע חיים נחמנקע פֿלעגט זיך צוקוקן צו זיין מוטער, געזען די טרערן אין אירע אויגן און שטאַרק רחמנות געהאַט אויף איר.

אין יענע צייטן האָבן ייִדישע קינדער נישט געלערנט אין שולן ווי היינט. זיי פֿלעגן לערנען אין „חדר". און אַז זיי זיינען גרעסער געוואָרן, האָבן זיי געלערנט אין דער „ישיבה".

אויך דאָס ייִנגעלע חיים נחמנקע האָט געלערנט אין „חדר". און אַז ער איז גרויס געוואָרן, איז ער אַריבער לערנען אין אַ „ישיבה". ער האָט געלערנט מיט גרויס חשק. טאָג און נאַכט איז ער געזעסן און האָט געלערנט. ער האָט געטריבן דעם שלאָף פֿון זיינע אויגן, האָט נישט געוואָלט רוען און האָט נישט געטראַכט פֿון עסן, בלויז געגאַרט צו לערנען.

ער האָט געשטרעבט צו זיין אַ רב ביי ייִדן. ער האָט געטראַכט, אַז נאָכדעם ווי ער וועט ווערן רב, וועט ער דאַן פֿאַרשאַפֿן פֿאַרגעניגן זיין אָרימער מאַמען.

אָבער חיים נחמן איז נישט געוואָרן קיין רב. ער איז געוואָרן אַ פּאָעט. ער האָט לידער געשריבן. און זיינע לידער זיינען אַזוי גוט געווען, אַז ער איז באַרימט געוואָרן אין דער גאַנצער וועלט.

איר קינדערלעך קענט אים אויך, דאָס איז דאָך דער גרויסער דיכ־טער חיים נחמן ביאַליק.

אין זיינע לידער האָט חיים נחמן ביאַליק געמאָלן דאָס שווערע לעבן אין גלות. ער האָט אויך גערופן די יידן פון גלות צו פאַרלאָזן די פרעמדע לענדער און עולה זיין קיין ארץ־ישראל.

ער אַליין איז עולה געווען קיין ארץ־ישראל. ער האָט געוווינט אין תל־אביב און זיין הויז שטייט נאָך דאָרט ביז היינט, דאָס איז קינדער, דער „בית ביאַליק" אין ביאַליק־גאַס.

ביאַליק האָט געשריבן זיינע לידער פאַר דערוואַקסענע מענטשן. ווען איר וועט גרויס ווערן, וועט איר אויך זיי לייענען, און איר וועט זען ווי שיין זיי זיינען.

אָבער ביאַליק האָט אויך ליב געהאַט קינדער און ליב געהאַט צו זען ווי זיי שפּילן זיך און אויך פאַר די קינדער האָט ער געשריבן אַ סך שיינע לידער.

ביאַליקס קינדער־לידער דערציילן וועגן בלומען, פייגל, קאַרלי־קעס און קינדער־שפּילערייען. און כדי איר זאָלט זען ווי שיין ביאַ־ליקס קינדער־לידער זיינען, דאַרפט איר אַליין זיי לייענען.

דער אַלף בית — אַ גרופּע סאָלדאַטן

(פון ביאַליקס קינדער־יאָרן)

ביאַליק איז אַלט פינף יאָר. מען האָט אים אָפּגעגעבן אין חדר.

דער רבי וויים נאָר איין זאַך — קלאַפּן מיטן קאַנטשיק און דער באַהעלפער, אַז עפּעס געפעלט אים נישט, טוט ער אַ שמיר מיט אַלע פינף פינגער איבערן יינגלס פּנים. דער מיטלסטער פינגער צעקוועטשט דעם יינגלס נאָז.

און די יינגלעך זיינען בעסער? זיי האַלטן זיך אין איין רייצן מיט אים. פון דעם ערשטן טאָג אין חדר רופן זיי אים „דער ייד מיט דער ליולקע" אָדער גאָר „גולם".

אינגיכן איז צוגעקומען אַ נייער נאָמען „פּייקלער״.

דאָס איז געווען אַזוי:

דער באַהעלפער האָט אויסגעזעצט די יינגלעך אַרום טיש, האָט אַוועקגעלייגט אַ גרויסן אלף בית און האָט אָנגעהויבן לערנען.

דער קליינער נחמן האָט געזען ווי די אותיות זיינען אויסגע־שטעלט אין גלייכע שורות, איז עס אים געפעלן געוואָרן.

הייבט אָן דער באַהעלפער:

— זאָגט, קינדער: אלף, בית, גימל. די קינדער זאָגן נאָך און זינגען אויס:

— אַלף, בית גימל...

אָבער דער קליינער נחמן הערט נישט וואָס דער באַהעלפער זינגט מיט די קינדער. ער זעט די אותיות אויסגעשטעלט אין גלייכע שורות ווי סאָלדאַטן און ער דערמאָנט זיך אַז דעם לעצטן זומער האָט ער געזען אַזאַ גרופּע סאָלדאַטן דורכגיין אַזוי אין אַזעלכע גלייכע שורות... דער ערשטער, דער אַלף איז דער פּייקלער, ער פּייקלט און די איבעריקע גייען אים נאָך.

זעט דער באַהעלפער אַז דער קליינער נחמן שאָקלט זיך, אָבער ער זינגט נישט, שטעלט ער אָפּ דאָס געזאַנג, ווייזט אָן אויפן אלף און פרעגט נחמנען: — וואָס איז דאָס?

— סאָלדאַטן און דער ערשטער איז דער פּייקלער.

עס ווערט אַ געלעכטער און די יינגלעך רופן אויס: — פּייקלער, פּייקלער, פון דאַן אָן האָט דער קליינער נחמן באַקומען דעם צונאָמען „פּייקלער״...

אונטער די גרינינקעביימעלעך

אונטער די גרינינקע ביימעלעך,
שפּילן זיך משהלעך, שלמהלעך,
ציצית, קאַפּאָטקעלעך, פּאהלעך,
יידעלעך פריש פון די אייעלעך.

גופימלעך, שטרוי, רויך און פעדערלעך,
נעם און צעבלאָז זיי אויף גלידערלעך,
כאַפּן זיי אויף לייכטע ווינטעלעך
און עס צעטראָגן זיי פייגעלעך.

נאָר איין זאַך פאַרמאָגן זיי, אייגעלעך,
וואָס גליען און בליצן און פינקלען זיך,
אוי, מיר זאָל זיין, יידישע קינדערלעך,
פאַר אייערע כשרע אייגעלעך!

די זאַנגען אין פעלד

אין אַ הייסן זומער-טאָג איז דער טאַטע אַרויסגעגאַנגען מיט זיין זיבן יעריקן בערעלע שפּאַצירן אין פעלד.

זעט בערעלע אין פעלד שיינע גאָלדענע זאַנגען און אַלע הויכע און די קעפּ האַלטן זיי גלייך, פאַרריסן צום הימל.

ווייטער, זעט בערעלע אַנדערע זאַנגען בייגן אַראָפּ זייערע גאָל-דענע קעפּ צו דער ערד.

פרעגט בערעלע דעם טאַטן:

— טאַטע, פאַרוואָס האַלטן יענע זאַנגען די קעפּ, הויך פאַרריסן צום הימל און די זאַנגען האַלטן זייערע קעפּ אַראָפּגעלאָזן צו דער ערד?

האָט בערעלעס טאַטע אַ ביסל געטראַכט און דערנאָך געענטפערט:

— יענע זאַנגען האָבן פּוסטע, גרינגע קעפּ און דערפאַר האַלטן זיי די קעפּ הויך פאַרריסן צום הימל... און די זאַנגען האָבן פולע קעפּ, שווער באַלאָדענע מיט קערנער, דערפאַר בייגן זיי זייערע קעפּ אַראָפּ צו דער ערד.

צופיל עפּל

דער טאַטע גיט יאָסעלען אַן עפּל. נעמט יאָסעלע דעם עפּל אין זיין רעכטער האַנט אריין און פרייט זיך. ער האָט אַ שיינעם, רויטן עפּל.

גיט דער טאַטע יאָסעלען נאָך אַן עפּל. נעמט יאָסעלע דעם צווייטן עפּל אין זיין לינקער האַנט אַריין. יאָסעלע איז גליקלעך, ער האָט שוין צוויי שיינע, רויטע עפּל.

גיט דער טאַטע יאָסעלען אַ דריטן עפּל. וויל יאָסעלע נעמען דעם

דריטן עפּל אין זיין רעכטער האַנט אַריין, פאַלט אים אַרוים פון זיין האַנט דער ערשטער עפּל.

וויינט יאָסעלע.

וואָס וויינט ער?

ער האָט צופיל עפּל...

צוויי פעסער

גיטעלע זיצט ביים פענצטער און קוקט אַרוים אין גאַס.

זעט גיטעלע ווי מען קייקלט צוויי פעסער,

איין פאַס קייקלט זיך שטיל, קוים וואָס מען הערט און די אַנ־דערע פאַס מאַכט אַזאַ גערויש, אַז מע קען טויב ווערן.

— מאַמע, פרעגט גיטעלע — פאַרוואָס קייקלט זיך איין פאַס אַזוי שטיל און די אַנדערע מאַכט אַזאַ טומל?

— הער מיין קינד — האָט די מאַמע דערקלערט — אַ פולע פאַס איז שטיל, קוים וואָס מע הערט איר און אַ פוסטע פאַס מאַכט אַזאַ טומל אַז מען קען טויב ווערן...

אב

חורבן

(לעגענדעס)

א. — די שפינען און די טויבן

ווען אונדזערע שונאים האָבן אונטערגעצונדן דעם בית המקדש, זיינען באַלד געקומען פון אַלע עקן וועלט שלעכטע שפינען מיט פייער אין זייערע שנאָבלען און האָבן צוגעלייגט פייער צו דער שריפה. זיינען געקומען גוטע טויבן פון אַלע עקן וועלט מיט וואַסער אין זייערע שנאָבלען צו לעשן די שריפה. זיינען אָבער די שפינען געווען אַ סך מער און דער בית המקדש איז פאַרברענט געוואָרן.

ב. — די שליסלען

אַז דער כוהן גדול האָט דערזען אַז דער בית המקדש ברענט, האָט ער באַלד צוזאַמענגערופן אַלע יונגע כוהנים און זיי זיינען אַרויף אויפן דאַך פון בית המקדש, האָבן אויפגעהויבן זייערע אויגן צום הימל און האָבן אויסגערופן:

— גאָט פון ישראל, האָסט חרוב געמאַכט דעם בית המקדש, נעם צו די שליסלען און האַלט זיי אַזוי לאַנג אין דיינע הימלען, ביז דו וועסט רחמנות האָבן און דו וועסט דיין הייליק הויז ווידער אויפ-בויען, — און זיי האָבן די שליסלען פון בית המקדש געוואָרפן צום הימל. האָט זיך באַלד באַוויזן פון הימל אַ האַנט און האָט די שליס-לען צוגענומען.

ג. — דער מוק מיטן האמער

נאכדעם ווי טיטוס דער רשע האט חרוב געמאכט ירושלים און האט פארברענט דעם בית המקדש, האט אים גאט באשטראפט. א מוק, אזא קליין פליגעלע. איז אים אריין דורכן אויער אין קאפ אריין און האט אים געהאלטן אין איין בויערן. האט טיטוס צענויפגערופן אלע קלוגע לייט און קיינער האט נישט געוווסט וואס צו טאן. איז איין מאל טיטוס פארבייגעגאנגען פאר א שמיד. האט דער מוק דער-הערט דאס קלאפן פון האמער, איז ער איינגעשלאפן. האט דאן טיטוס באשטעלט א שמיד, וואס איז אים נאכגעגאנגען און האט כסדר גע-קלאפט מיטן האמער. האט זיך אבער דער מוק צוגעוווינט צום האמער און ער האט ווייטער געפייניקט דעם רשע ביז ער האט אים פארפיי-ניקט צום טויט.

די צוויי ברידער

(אגדה)

אמאל, אמאל האבן אין ארץ ישראל געלעבט צוויי ברידער. דער עלטערער איז געווען אן איינזאמער, אן א משפחה און דער יינגערער האט געהאט א פרוי מיט קינדער. יעדער איינער פון זיי האט געהאט זיין שטיקל פעלד און האט געאקערט, געזייט און געשניטן זיין תבואה.

ביידע ברידער האבן זיך זייער ליב געהאט.

אינמיטן נאכט האט איינמאל זיך אויפגעכאפט דער עלטערער ברודער און געטראכט:

— מיין יינגערער ברודער האט א משפחה, וועלכער ער דארף געבן עסן און איך בין דאך א ברודער, דארף איך אים דאך העלפן.

איז ער אויפגעשטאנען און האט גענומען עטלעכע גארבן תבואה פון זיין פעלד און האט זיי אוועקגעטראגן צו זיין ברודערס געצעלט.

אין דער אנדערער נאכט האט דער יינגערער ברודער נישט גע-קענט שלאפן. ער האט געטראכט:

— מיין ברודער איז אַן איינזאַמער און אויף דער עלטער, ווער וועט אים העלפן? איך בין דאָך זיין ברודער, דאַרף איך אים העלפן.

איז ער אויפגעשטאַנען און האָט גענומען עטלעכע גארבן תבואה פון זיין פעלד און האָט זיי אַוועקגעטראָגן צו זיין ברודערס געצעלט.

אין דער דריטער נאַכט האָבן זיך ביידע ברידער באַגעגנט מיט די גארבן תבואה אין די הענט. האָבן זיי די תבואה געלאָזט אויפן אָרט, ווו זיי האָבן זיך באַגעגנט, זיי האָבן זיך שטאַרק ארומגענומען און זיי האָבן זיך צעקושט.

אין אַ צייט אַרום איז אויף דעם אָרט, ווו די געטרייע ברידער האָבן זיך באַגעגנט אויפגעבויט געוואָרן די הייליקע שטאָט ירושלים.

די קלוגע קינדער פון ירושלים

1.— אַ סך צו עסן פאר וויניק געלט...

אַ מאַן איז געקומען קיין ירושלים. באַגעגנט ער אַ יידיש קינד. גיט ער דעם קינד עטלעכע סענט און זאָגט צו אים אַזוי:

— גיי, קויף מיר עפּעס, אַז איך זאָל האָבן גענוג צו עסן, און עס זאָל מיר נאָך איבערבלייבן מיטצונעמען אין וועג אריין.

גייט דאָס קינד און ברענגט אים זאַלץ.

— וואָס איז דאָס פאַר מאכל? — פרעגט דער מאַן פאַרוווּנדערט.

— איך האָב דיר געבראַכט דאָס, וואָס דו האָסט פאַרלאַנגט, האָט אים געענטפערט דאָס קינד, פאַר וויניק געלט, האָסטו גענוג צו עסן, וועסט נישט זיין הונגעריק... און דו וועסט נאָך האָבן מיטצונעמען אין וועג אריין.

2.— די מאַמע זאָל וועלן, איר זאָלט וויסן...

גייט דער מאַן ווייטער, זעט ער ווי פון ירושלים גייט אַרויס אַ קינד און טראָגט אַ קיישעלע, צוגעדעקט מיט אַ טישטעכל.

פרעגט ער דעם קינד:

— וווהין גייסטו און וואָס טראָגסטו אין דיין קיישעלע?

ענטפערט אים דאָס קינד:

— איך גיי צו מיין טאַטן, ער אַרבעט אין פעלד און וואָס איך טראָג? אַז ווען מיין מאַמע זאָל וועלן אַז איר זאָלט וויסן, וואָלט זי דאָס קיישעלע נישט צוגעדעקט...

3.— אַ ווייטער און אַ נאָענטער וועג

אויף צוריק, האָט דער מאַן פאַרלאָרן דעם וועג. טרעפט ער אָן אַ קינד. פרעגט ער דעם קינד:

— ווי אַזוי גייט מען קיין ירושלים?

ענטפערט אים דאָס קינד:

צוויי וועגן זיינען פאַראַן קיין ירושלים. איינער איז אַ קורצער וועג און אַ ווייטער און דער צווייטער איז אַ לאַנגער וועג און אַ נאָענטער, קלייב אויס דיין וועג.

איז דער מאַן אַוועק מיטן קורצן וועג. אָבער ווי ער איז נאָר אָפּ־געגאַנגען אַ שטיקל וועג, איז ער צוגעקומען צו אַ וואַנט, וואָס האָט פאַרשפאַרט דעם וועג און ער האָט געמוזט גיין צוריק. דאַן איז ער אַוועק מיטן לאַנגן וועג און דער וועג איז געווען פריי און ער איז אָנגעקומען קיין ירושלים.

דאַן האָט דער מאַן פאַרשטאַנען די ווערטער פון דעם קליינעם קינד, אַז עס איז פאַראַן אַ קורצער וועג און אַ ווייטער און עס איז פאַראַן אַ לאַנגער וועג און אַ נאָענטער...

פון דאַן אָן פלעגט דער מאַן אַלעמען דערציילן די חכמות פון די קינדער פון ירושלים.



דער הירש און די בלעטער

יעגער האָבן זיך אַמאָל געיאָגט נאָך אַ הירש. דער הירש איז אָבער געלאָפן זייער גיך און די יעגער האָבן אים נישט געקענט כאַפּן. איז אָבער דער הירש געוואָרן מיד, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט הינטער אַ בוים. דער בוים האָט געהאַט אַ סך בלעטער, האָבן די בלעטער פאַרשטעלט דעם הירש און די יעגער האָבן אים נישט געקענט געפינען.

דערווייל האָט זיך דעם הירש פארגלוסט עסן די בלעטער. האָט ער אַזוי ביסלעכווייז אויפגעגעסן אַלע בלעטער פון בוים, האָבן די יעגער באַלד דערזען דעם הירש און זיי האָבן אים געפאַנגען.

ווען עס רעגנט

ווען עס רעגנט און ס׳איז נאַס,
און מיין מאַמע גייט אין גאַס
אויף מיטאָג איינצוקויפן —
כאַפּ איך שנעל מיין מענטעלע,
מיין ליאַלקע פאַרן הענטעלע
און לאָז מיך איבער אַלע טרעפּ,
מיין מאַמען נאָכצולויפן.

שרייט די מאַמע אַז ס׳איז נאַס
און ס׳איז גליטשיק אויפן גאַס,
מען קען זיך נאָך פאַרקילן.
... זיץ איך שוין אין שטוב אַליין,
איך האָב מורא און איך וויין —
כ׳וויל נישט מיט מיין ליאַלקע, ניין,
מער מיט איר זיך שפּילן.

אַז איך וועל אַ מאַמע ווערן —
וועט מיר קיינער שוין ניט שטערן
און איך וועל זיך מעגן דאַן
כאָטש זיבן מאָל פאַרקילן.
איך וועל לויפן דאַן אין גאַס,
ווען ס׳איז שיין און ווען ס׳איז נאַס
און מיט זאַמד זיך שפּילן...

זומער־רעגן

קומט אַ זומער־רעגן
איבן וואָלקנס שוועבן
און אין גאַס נעמט שטויבן,
ביז די וואָלקנס איבן.

גייט אַ שטורעם קומען,
נעמט אַ דונער ברומען
און אַ בליץ נעמט בליצן,
גאָט וועט אונדז באַשיצן
און פון אונדזערס וועגן,
שיקן אונדז אַ רעגן.

רעגן, גאָלד און שטראַלן
פון דעם הימל פאַלן,
אויפן פעלד זאָל וואַקסן
קאָרן, היי און פלאַקסן;
אויפן גאַס די שטיינער
זאָלן ווערן ריינער.

אלול

לכבוד שבת

עס איז געווען אַמאָל אַ ייד, זייער אַן אָרעמער. יוסף האָט ער געהייסן.

יוסף האָט געאַרבעט ביי איינעם, זייער אַ רייכן; ער האָט גע־אַרבעט זייער שווער און פאַרדינט זייער ווייניק.

האָט יוסף אַ גאַנצע וואָך געלעבט מיט זיין משפּחה נאָר מיט טרוקן ברויט און לכבוד שבת האָט ער געקויפט פיש און פלייש, אַזוי ווי ער וואָלט געווען אַ גרויסער גביר.

איז איינמאָל ביינאַכט צום רייכן געקומען אין חלום אליהו הנביא און האָט צו אים אַזוי געזאָגט:

— זאָלסט וויסן, אַז דיין גאַנצע געלט קומט פון יוספן און צו יוספן וועט זיך עס אומקערן.

איז דער רייכער אַוועק און האָט פאַרקויפט אַלץ וואָס ער האָט געהאַט און פאַרן געלט האָט ער געקויפט אַ דימענט.

גייט דער רייכער אַרום גאַנצע טעג מיט אַ היטל אריבערגערוקט איבער די אויערן און אין היטל האַלט ער דעם דימענט...

גייט ער אַזוי פאַרביי אַ טייך, בלאָזט אַ ווינט און דאָס היטל פאַלט אים אַראָפּ פון קאָפּ און... גלייך אין טייך אריין. איז אויך דער דימענט אריין אין וואַסער. איז געקומען אַ פיש און האָט דעם דימענט איינגעשלונגען.

ערב שבת קומט יוסף אין מאַרק און הייסט זיך געבן לכבוד שבת דעם בעסטן, דעם טייערסטן פיש.

נעמט יוסף אַהיים דעם פיש, זיין ווייב עפנט דעם פיש און... געפינט דעם דימענט.

פון דאַן אָן איז שוין יוסף נישט מער קיין אָרעמאַן; ער איז שוין רייך און עסט מיט זיין משפחה אַלע טאָג פיש און פלייש און אַלע גוטע מאכלים און שבת איז ער דאָך שוין גאָר אַ מלך.

אַ מעשה פון אַן אָרעמען און אַ רייכן ברודער

זיינען געווען צוויי ברידער, איינער אַן אָרעמער און איינער אַ רייכער. דער רייכער פלעגט קיינמאָל נישט וועלן העלפן דעם אָרעמען ברודער און אַזוי ווי דער אָרעמער האָט נישט געהאַט פון וואָס צו לעבן, פלעגט ער גיין אין וואַלד אריין האַקן האָלץ. פלעגט אָנהאַקן אַ בינטל האָלץ, פלעגט עס טראָגן אין מאַרק אריין פאַרקויפן און דערפון האָט ער געהאַט צו לעבן מיט זיין ווייב און קינדער.

איינמאָל אַזוי ווי ער איז געשטאַנען אין וואַלד און האָט געהאַקט האָלץ, האָט ער דערהערט אַ געזאַנג, האָט ער זיך געוווּנדערט — פון וואַנען קומט דאָס געזאַנג? איז ער אַרויפגעקראָכן אויף אַ בוים און האָט דערזען אַ באַנדע גזלנים מיט פולע זעק אויף די פּלייצעס, גייען און זינגען. און ער האָט געזען ווי זיי קומען צו אַ טירעלע, עפענען דאָס טירעלע, גייען אַריין און קומען צוריק אַרויס מיט ליידיקע זעק.

דעם אַנדערן טאָג איז ער ווידער געגאַנגען אין וואַלד אַריין האַקן האָלץ, האָט ער ווידער דערזען די גזלנים און דערהערט זייער געזאַנג. איז ער ווידער אַרויף אויפן בוים און האָט זיך צוגעקוקט ווי זיי קומען צו אַ טירעלע און זאָגן:

— טירעלע, טירעלע. עפן זיך.

האָט זיך דאָס טירעלע געעפנט און ווען זיי זיינען אַריין, האָט ער זיי איבערגעציילט, זיינען זיי געווען צוועלף און אַז זיי זיינען צוריק אַרויס מיט די ליידיקע זעק, האָט ער ווידער געציילט — צוועלף!

אויפן דריטן טאָג איז ער ווידער געקומען אין וואַלד אַריין, אַרויף אויפן בוים און האָט ווידער דערזען די צוועלף גזלנים ווי זיי קומען צו צום טירעלע און זאָגן:

— טירעלע, טירעלע, עפן זיך!

און דאָס טירעלע האָט זיך געעפנט, זיינען זיי אַריין. האָט ער ווידער איבערגעציילט — צוועלף, זיי זיינען ווידער אַרויס מיט ליידיקע זעק און אַוועק מיט געזאַנג אַזוי ווי נעכטן און אייערנעכטן...

אַז די גזלנים זיינען שוין אַוועק ווייט, ווייט, איז ער אַראָפּ פון בוים, צו צום טירעלע און האָט אויך אַזוי געזאָגט ווי די גזלנים:

— טירעלע, טירעלע, עפן זיך!

און אַז דאָס טירעלע האָט זיך געעפנט, איז ער אַריין אין אַ טיפער הייל און ער האָט דאָרט דערזען גאַנצע בערג מיט גאָלד און זילבער, דימענטן און פּערל.

ביי דער זייט האָט ער דערזען אַ ליידיק זעקעלע, האָט ער עס אָנגעפילט מיט גאָלדענע רענדלעך, גענומען דאָס זעקעלע אויף די פּלייצעס און אַוועק אַהיים.

אַז ער איז געקומען אַהיים, האָט ער די רענדלעך אויסגעשיט אין מיטן שטוב, איז אין שטוב געוואָרן ליכטיק. האָבן זיך דאָס ווייב מיט די קינדער זייער שטאַרק דערפרייט. האָט ער אָבער געוואָלט וויסן וויפל רענדלעך ער האָט, נעמט ער און שיקט צו זיין רייכן ברודער באָרגן אַ קוואָרט, ער זאָל האָבן מיט וואָס איבערצומעסטן די רענדלעך.

האָט זיך דעם רייכן ברודערס ווייב געטראַכט:

— וואָס האָט דאַרט דער קבצן צו מעסטן מיט אַ קוואָרט? האָט זי גענומען און האָט צום דעק פון קוואָרט צוגעקלעפּט אַ שטיקל קליי — זאָל זיך עפּעס צו דער קוואָרט צוקלעפּן...

איז, אַזוי ווי מע האָט איר צוריקגעבראַכט די קוואָרט, זעט זי אויפן דעק דריי גאָלדענע רענדלעך.

אויפן אַנדערן טאָג איז דער אָרעמער ברודער ווידער געגאַנגען אין וואַלד אַריין, איז ווידער אריין אין הייל און האָט ווידער אַהיים געבראַכט אַ זאַק מיט גאָלדענע רענדלעך. האָט ווידער אויסגעשיט די רענדלעך אין שטוב און האָט געשיקט צו זיין רייכן ברודער באָרגן די קוואָרט און דעם רייכן ברודערס ווייב האָט ווידער אָנגעקלעפּט אויפן דעק פון קוואָרט קליי און האָט ווידער געפונען דריי גאָלדענע רענדלעך...

זאָגט זי צו איר מאַן:

— זע, גיב אַ קוק, פון וואַנען קומט צו דיין ברודער אַזוי פיל גאָלדענע רענדלעך. איז דער רייכער ברודער נאָכגעגאַנגען זיין אָרעמען ברודער און ער האָט זיך דערוווּסט פון דער הייל מיט די גאָלדענע רענדלעך.

אויפן אַנדערן טאָג איז דער רייכער ברודער אַוועק אין דער הייל מיט די גאָלדענע רענדלעך. אָבער די גזלנים האָבן אים געכאַפּט און האָבן אים גוט באַצאָלט פאַר אַלע גאָלדענע רענדלעך וואָס האָבן זיי געפעלט די גאַנצע צייט...

די ביימער און די האַק

אַמאָל, ווען קיין האַק איז נאָך אויף דער וועלט נישט געווען, האָבן די ביימער אין וואַלד געלעבט זייער גליקלעך, זיי האָבן פאַר קיינעם קיין מורא נישט געהאַט.

אָבער איינמאָל איז געקומען צו גיין אין וואַלד אַריין אַ מענטש מיט אַ האַק אין האַנט. אַז די ביימער האָבן דערזען די האַק, זיינען זיי געוואָרן אומעטיק.

— איצט קומט אונדזער סוף! — האָבן זיי געזאָגט — דער מענטש וועט אונדז אַלעמען אויסהאַקן!

אָבער דאָ האָט זיך אָפּגערופן אַן אַלטער בוים:

— נאַראָנים וואָס איר זאָגט, אַז מיר וועלן נישט געבן דעם מענטשן קיין הענטל פאַר דער האַק, האָבן מיר גאָרנישט וואָס מורא צו האָבן פאַר אים!

דער הונט מיטן ביין

אַ הונגעריקער הונט האָט אַמאָל געפונען אַ ביין. האָט גענומען מיטן גאַנצן אימפעט לויפן מיטן ביין. ער האָט געוואָלט אַנטלויפן פון אַלע הינט, אַז קיינער זאָל אים זיין ביין נישט צונעמען.

אַזוי לויפנדיק, איז דער הונט מיטן ביין צוגעקומען צו אַ הילצערן בריקל איבער אַ טייכל. אויפן בריקל האָט זיך דער הונט אָפּגעשטעלט און זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן.

— ניין, נישטאָ קיין הינט — ער איז אַליין... און ער האָט זיך שוין געוואָלט נעמען צום ביין. מיטאַמאָל דערזעט ער אין טייכל נאָך אַ הונט און דער אַנדערער הונט האָט אויך אַ ביין.

— אויב אַזוי... טראַכט דער הונט — דאַרף מען יענעם הונט, וואָס שטייט אין וואַסער, צונעמען דעם ביין.

האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צום הונט אין וואַסער, אַרויסצורייסן בײַ אים דעם ביין, איז דערווייל זיין ביין אַריינגעפאַלן אין וואַסער אַריין.

די מיל

אַז מען שטעלט זיך זייער שטיל,
הערט מען ווי עס רוישט די מיל.

הערט מען ווי די רעדער לויפן,
ווי עס דרייען זיך די שרויפן.

ווי די ווינטן זינגען, ציען,
ווי די פליגלען פליען, פליען.

מאָלט זיך ווייצן. קאָרן-מעל.
אַז עס ווערט די געגנט העל.

הויבט זיך אָן צו טומלען, רוישן,
קומט מען אָן מיט זעק, מיט קוישן,

טאַטעס, מאַמעס מיט די קינדער,
פאַסטעכער מיט שאָף און רינדער.

קומען גויים, קומען יידן,
און ציגיינער פון יארידן.

עס איז אַ גרויסע מיל און גאָר אַ ברייטע,
נאָר די מילנערקע — אַ ביסל אַ צעדרייטע...

אָט אָ שטעלט זי זיך און שרייט:
— הערט נאָר, הערט נאָר אַלע לייט,

ווער עס האָט קינדער, יינגלעך הדיי,
מעג ער נעמען פראנק און פריי.

ווער ס'האָט מיידעלעך מיט צעפּ,
מעג ער נעמען צוואַנציק טעפּ.

האָבן קינדער קעפּלעך העל,
מעג מען נעמען ווייצן-מעל.

שוואַרצע און געשאָרענע —
מוז מען נעמען קאָרענע.

ווער ס'איז עלנט ווי אַ שטיין,
קריגט ער גאָרניט — ניין און ניין!

ווערט אַ טומל, אַ געשריי,
אַ געיאָמער, אוי און וויי!

שרייען אַלע אומגעדולדיק:
וואָס-זשע זיינען מיר דאָ שולדיק?

ווייגען די געשאָרענע —
ווילן נישט קיין קאָרענע.

ווער ס'איז עלנד ווי אַ שטיין,
וויל אַהיים נישט ליידיק גיין.

און ווי אַלע שרייען, שווערן —
קומען וואָלקנס אָן ווי בערן,

שווימענדיקע גרויסע בערג,
פאַלט אַ חושך אויף דער ערד.

און אַ רעגן הייבט אָן פאַלן —
גרויסע שלאַקסן, גאַנצע קוואַלן.

גאַנצע טייכן נעמען יאָגן,
אַלע קינדער אויסגעצוואָגן.

ווערן אַלע קעפּלעך העל,
אַלע נעמען ווייצן-מעל.

נאָכן שטורעם אַלע קוקן,
ערשט די מילנערקע ביי אַ וואָלקן אויפן רוקן

זאָגן אַלע אָן אַ קלער:
זאָל זי שווימען מיטן בער.

נעמען מעל שוין אַלע, אַלע —
ווער אויף ברויט, ווער אויף חלה.

טראָגט מען זעקלעך איינגעבויגן
מיט אַ שמחה אין די אויגן.

און ס'איז דאָ אַזוי פיל מעל,
אַז די געגנט איז שוין העל.

און די ווינטן זינגען, ציען,
און די פליגלען פליען, פליען...

דער פוקס און דער ווייננאָרטן

אַ פיקסל גייט פאַרביי אַ ווייננאָרטן
און טרויבן זעט ער, וואַקסן דאָרטן...
אים ווילט זיך זייער געניסן
פון דעם געשמאַקן ביסן;

ער האָט אַן אַפּעטיט אַ שטאַרקן,
נאָר ס'איז צו הויך דער פּאַרקן.
ער קוקט אַהין, אַהער —
אַריינקריכן איז זייער שווער...

— עט — זאָגט ער — כ'מיין,
די פרוכטן זיינען נאָר פון ווייטן שיין...
עס קאָן זיי גאָר ניט עסן קיינער,
ווייל הייליק מאַכן זיי די ציינער.

תשרי

די ימים נוראים

די ימים נוראים — אזוי ווערן אָנגערופן ראש השנה און יום כפור — די מוראדיקע טעג. אין די טעג הייבט זיך אָן ביי יידן א נייער יאָר און יידן בעטן ביי גאָט אז דער נייער יאָר זאָל זיין א גוטער יאָר.

ראש השנה — דער אָנהייב פון יאָר — פאַלט אוים דעם ערשטן און דעם צווייטן טאָג אין חודש תשרי. אין די טעג בלאָזט מען אין שול שופר און אז מען קומט אהיים נאָך די תפילות אין שול, מאַכט מען א סעודה און מען ווינטשט איינער דעם אנדערן: לשנה טובה! — עס זאָל זיין א גוטער יאָר, צען טעג נאָך ראש השנה איז יום כפור. אין דעם טאָג בעטן מיר גאָט, ער זאָל מוחל זיין פאַר אַלע עברות און מיר זאָגן צו אז צום נייעם יאָר, וועלן מיר שוין זיין גוט און פרום. מיר וועלן מער נישט טאָן קיין שלעכטס, מיר וועלן שוין מער נישט טאָן קיין עברות. מיר וועלן זיין גוטע מענטשן, מיר וועלן זיין גוט און געטריי צו אַלע חברים, צו די עלטערן, לערער און פריינד — צו אַלע מענטשן, נאָך די ימים נוראים קומען באַלד די פריילעכע ימים טובים: סוכות, ווען מען זיצט אַכט טעג אין די סוכות און שמחת תורה, ווען מיר פרייען זיך מיט דער תורה, מיר טראָגן פאָנען, מיר זינגען און טאַנצן לכבוד דער תורה.

מיין זיידנס ברכה

נאָך דער סעודה פאַר כל נדרי,
פלעגט מיר בענטשן דאָן דער זיידע;
אויף מיין קעפּל פלעגט ער לייגן
זיינע דאַרע הענט, די ביידע.

צוגעטוליעט צו זיין קיטל,
פלעג איך ציטערן און הערן,
און דעם זיידנס כמאַרנע אויגן
פלעגן ווערן פול מיט טרערן.

„נו, מיין קינד, איצט קום אין שול מיט,
גאָט זאָל אַלדאָס גוטס דיר געבן.
זיי אַ גוטער, זיי אַ פרומער,
שרייבט ער אָן דיר לאַנג צו לעבן".

אונדזער סוכהלע

אַ סוכהלע, אַ קליינע;
פון ברעטעלעך געמיינע,
האָט אונדזער טאַטע געמאַכט.

באַדעקט דעם דאַך
מיט גרינעם סכך
און אָט איז אַ סוכה — אַ פּראַכט!

מיגעל הידאַלגאָ

מיגעל הידאַלגאָ האָט באַפרייט מעקסיקע און פון דאַן אָן איז מעקסיקע פריי. יעדן יאָר, דעם זעכצנטן טאָג אין סעפּטעמבער פייערט מאָן אין מעקסיקע דעם גרויסן יום טוב — דעם טאָג ווען מעקסיקע איז געוואָרן פריי. ווערט דאַן מיט גרויס כבוד דערמאָנט דער העלד פון דער מעקסיקאַנער פרייהייט, מיגעל הידאַלגאָ.

דאָס מעקסיקאַנער פאָלק האָט זייער שווער געקעמפט קעגן די שפּאַניאָלן, וועלכע האָבן פאַרשקלאַפט דאָס לאַנד, ביז דאָס פאָלק האָט געזיגט און דאָס לאַנד איז געוואָרן פריי.

מעקסיקע איז אַ שיין לאַנד, מיט הויכע בערג, וואָס טראָגן אויף זייערע קעפּ זילבערנע קרוינען און מיט טיפע, גרינע טאָלן.

די מעקסיקאַנער פאָן האָט דריי קאָלירן.

גרין, ווייס און רויט.

גרין איז די האָפנונג.

ווייס איז די פרייהייט.

רויט איז דער בלוטיקער קאַמף פאַר דער פרייהייט.

מיגעל הידאַלגאָ איז דער גרויסער נאַציאָנאַלער העלד, וואָס האָט געגעבן דעם מעקסיקאַנער פאָלק די פרייהייט.

דער הונט און דער וואָלף

א הונט מיט א וואָלף האָבן זיך באַגעגנט אין פעלד. דער וואָלף איז געווען מאָגער און הונגעריק און דער הונט איז געווען פעט און זאַט.

— פון וואַנען קומסטו, וואָס די זעסט אַזוי שיין אויס? — האָט דער וואָלף געפרעגט — אָט זעסטו, בין איך שטאַרקער פון דיר און איך שטאַרב פון הונגער.

— דו ביסט אַליין שולדיק — האָט געענטפערט דער הונט — אָט גיב און דין פאַר א באַלעבאָס אַזוי ווי איך, וועט דיר זיין גוט.

— וואָס איז דיין אַרבעט? — פרעגט דער וואָלף.

— נישט מער ווי ביינאַכט היט איך זיין שטוב, אַז קיין גנבים זאָלן נישט אַריינקומען.

— נישט מער? — האָט אויסגערופן מיט פרייד, דער הונגעריקער וואָלף — אויב אַזוי, גיי איך מיט דיר און איך וועל צוזאַמען מיט דיר דינען דיין באַלעבאָס און איך וועל נישט דאַרפן מער הונגערן.

גייען אַזוי דער וואָלף מיטן הונט און שווייגן.

מיטאַמאָל דערזעט דער וואָלף ביי דעם הונט אויפן האַלדז א צייכן פון א קייט.

— וואָס איז דאָס? — פרעגט דער וואָלף מיט גרויס פאַרווונדערונג.

— דאָס — זאָגט דער הונט — איז פון דער קייט, וואָס איך טראָג א גאַנצן טאָג, נאָר אַז עס קומט די נאַכט, נעמט מען מיר אַראָפּ די קייט פון האַלדז, איך זאָל קענען באַפאַלן די גנבים, וואָס קומען באַגנבענען מיין באַלעבאָס.

— אויב אזוי — רופט זיך אָפּ דער וואָלף — וויל איך בעסער הונ־גערן און זיין פריי... און דער וואָלף האָט פאַרלאָזן דעם פאַרשקלאַפטן הונט און איז צוריק אַוועק אין וואַלד אריין.

דער ריז און זיין גאָרטן

א מעשהלע אין גראמען,
פאַר דער ליבער מאַמען

קינדער, זעט נאָר, זעט נאָר דאָרטן, ווי עס קוקט אַ ריז אַרוים צום גאָרטן. אָט זיצט ער אין זיין שיינעם הויז, ער זיצט ביי פענצטער און קוקט ארוים. ער זעט זיין גאָרטן און ער קוועלט: — סארא שיינע וועלט!

זעט ער פייגל פליען, זעט ער בלעטער, גראָזן, בלומען בליען.

מיטאַמאָל וואָס דערזעט דער ריז, אָ, וואָס איז? קינדער קומען, רייסן בלומען, יאָ, קומען קינדער פון דער שול, ווערט דער גאָר־טן מיט זיי פול. הערן זיי ווי פייגל זינגען, פרייען זיי זיך, טאַנצן, שפּרינגען. נעמען זיי זיך אין אַ ראָד און עס טאַנצט מיט זיי דער סאָד.

קינדער, גייט זיך אייער וועג און פון גאָרטן גייט אַוועק!

און עס כאַפּט דער ריז אַ שטעקן און ער לויפט די קינדער דעקן. און דער סוף וואָס איז געווען? הערט, וואָס עס איז געשען.

דער סוף? — אַז דער ריז האָט די קינדער פאַרטריבן, איז דער גאָרטן אָן בלומען און פייגל געבליבן.

איז דער ריז דאַן פייל פון בויגן צו זיין טויער צוגעפלויגן און אַ טאָוול אָנגעשלאָגן, אַזוי צו זאָגן:

— אַלע קינדער מעגן קומען, קלייבן בלומען, טאַנצן, שפּרינגען, און די פייגל הערן זינגען.

זיינען ווידער קינדער געקומען און מיט זיי — פייגל, גראָז און בלומען.

און ווידער קוקט דער ריז און קוועלט; — סארא שיינע וועלט!

און פון דאַנען, האָט דער ריז פאַרשטאַנען, אַז ווו אַ פייגל פליט, **דאָרטן גרינט און בליט און ווו קינדער קומען, דאָרטן וואַקסן שיינע בלומען.**

חשון

טעלעוויזיע

די בעסטע טעלעוויזיע
(וועט דאָס עמעץ גלויבן?)
איז ביי מיר דאָס פענצטער
מיט די גרויסע שויבן.

דאָרט זע איך גיין די מענטשן
פֿאַמעלעך און אויך גיך.
דער אין ווייסע קליידער,
דער אין שוואַרצע שיך.

איינער גייט אַ בריטער,
דער צווייטער שמאָל און הויך.
דער דריטער איינגעבויגן,
לאָזט פון מויל אַ רויך.

שענער נאָך און שענער
איז ווען אַ רעגן פֿאַלט;
די גאַסן ווערן קלענער,
די הייזער ווערן אַלט.

אַן אַנדער בילד איז איצטער,
אַלצדינג אַנדערש איז:
איך זע נישט מער קיין מענטשן,
נאָר שירעמס אויף צוויי פיס.

דער פוקס און די פישעלעך

דער קלוגער פוקס איז אמאל צוגעקומען צום טייך און האט זיך צו געקוקט צו די פישעלעך, וואס צאפלען זיך אין וואסער און שווימען ארום אהין און אהער, ווי זיי וואלטן זיך גאר קיין ארט נישט געקענט געפינען. פרעגט זיי דער פוקס:

— זאגט מיר, פישעלעך, וואס לויפט איר אזוי ארום, ווי דערשראקענע, וואס זוכט איר אזוי אומרויק אין וואסער?

האבן די פישעלעך געענטפערט:

— מיר לויפן ארום אהין און צוריק, ווייל מיר זוכן ווו זיך צו שיצן פאר די גרויסע פיש, וואס ווילן אונדז איינשלינגען און מיר זוכן אין וואסער שפייז, ווייל מיר זיינען הונגעריק.

— נארישע פישעלעך — האט זיי געענטפערט דער פוקס — קומט ארויס צו מיר אויף דער טריקעניש, וועט איר נישט דארפן ציטערן פאר די גרויסע פיש און איך וועל אייך געבן אייער שפייז.

האבן זיך די פישעלעך א טרייסל געטאן און זיך צעלאכט:

— ביסטו דאס, דער וואס מע זאגט אויף דיר, אז דו ביסט דער קלוגער פוקס, דער קליגסטער פון אלע חיות? — אז דו זעסט, אז אין וואסער זיינען מיר נישט זיכער, ווילסטו אז מיר זאלן ארויסקומען אויף דער טריקעניש, ווו מיר קענען קיין איין מינוט אן וואסער נישט לעבן?...

דער פוקס איז אוועק א פארשעמטער און די פישעלעך האבן זיך פרייליך צעלאכט און נאך האסטיקער אנגעהייבן ארומשווימען אין וואסער אהין און צוריק.

פרינץ אחשלמך וויל דאָס טעלערל פון הימל

עס איז געווען אַ שיינער, זומערדיקער טאָג און יעדן איז געווען גוט אויפן הארצן, נאָר פרינץ אחשלמך איז אויפגעשטאַנען אויף דער לינקער זייט און האָט איבערגעקערט דעם קעניגלעכן פּאַלאַץ. ער האָט זיך געוואָרפן אויפן דיל, געדריגעט מיט די פיס און געהאַלטן אין איין וויינען.

— בו־הו, בו־הו־ו־ו.

אַ גאַנצן פרימאָרגן, אַזוי ביזן שפּעטן טאָג.

וואָס מע האָט זיך ביי אים נישט צעפרעגט — און ער: בו־הו, בו־הו־ו־ו.

— וואָס ווילסטו?

— בו־הו־ו־ו, עפּעס.

— אפשר אַ ניי פערדל?

— ניין, עפּעס, בו־הו־ו.

— אפשר ווילסטו זיך באָדן אין פייגל־מילך?

— ניין, עפּעס, בו־הו־ו.

— אפשר ווילסטו ווערן אַ גענעראַל?

— ניין, עפּעס, בו־הו־ו־ו.

וואָס מע האָט אים נישט פאָרגעלייגט, האָט ער נישט געוואָלט, נאָר אַלץ: בו־הו־ו־ו.

אַז מע ווייס נישט וואָס ער וויל.

און דער פרינץ ליגט אויפן דיל, דריגעט מיט די פיס און האַלט אין איין שרייען:

— איך וויל עפּעס, בו־הו־ו־ו.

דער קעניג איז צוגעגאַנגען צום שני למלך און האָט אים פאַרצווייפלט געפרעגט:

— וואָס טוט מען?

דער שני למלך האָט אַ דערשלאָגענער צעפירט מיט די הענט:

— ווען מע זאָל כאָטש וויסן וואָס ער וויל, איז נישטאָ קיין זאַך, וואָס מע וואָלט נישט געטאָן, צעפרידן צו שטעלן דיין זון. אָבער... כ׳וויים... אז ער וויל דאָס טעלערל פון הימל...

דער פרינץ איז אַ ווײַלע אנטשוויגן געוואָרן. דערהערט די לעצטע פּאָר ווערטער און אַזוי ווי ער האָט נישט געוווּסט, וואָס דאָס איז, האָט ער אָנ־געהויבן ווידער אַמאָל צו דריגן מיט די פיס:

— בו־הו־־ו־ו, איך וויל עפּעס.

— בו־הו־ו־ו־, איך וויל דאָס טעלערל פון הימל.

דער קעניג און די קעניגין האָבן זיך קיין עצה נישט געקענט געבן.

דער שני למלך און אַלע מיניסטאָרן זיינען געשטאַנען פאַרצווייפלטע און האָבן נישט געוווּסט וואָס צו טאָן.

— וואָס? — האָבן אַלע אויף אים אָנגעשטעלט פאַרוווּנדערטע אויגן.

— דאָס טעלערל, איך וויל דאָס טעלערל פון הימל.

אַלע האָבן זיך איבערגעקוקט און האָבן אַ וואָרט נישט געקענט אַרויסרעדן.

נאָר דער פרינץ האָט נישט געלאָזט רוען.

ער האָט געהאַלטן אין איין יאָמערן:

— דאָס טעלערל פון הימל, בו־הו־ו־ו־.

— שנעל די זיבן און זיבעציק חכמים! — האָט דער שני למלך באַפוילן. מען האָט באַלד צונויפגערופן די חכמים.

די חכמים האָבן אויסגעהערט דעם פאַרלאַנג.

— גיב אונדז זיבן טעג און זיבן נעכט, — האָט זיך ביי אַלע חכמים אַרויסגעריסן פון די מיילער, נאָר זיי האָבן זיך באַלד פאַרכאַפּט.

האָט מען זיך אוועקגעזעצט טראַכטן, געקייט די בערד, געקנייטשט די שטערנס. אָבער דער פרינץ האָט נישט געלאָזט טראַכטן. דער פּאַלאַץ איז געגאַנגען כאָדאָראָם. אַלע זיינען אַרומגעלאָפן פאַרצווייפלטע און האָבן זיך קיין עצה נישט געקענט געבן. דער עלטסטער פון די חכמים האָט אויפגע־הויבן די האַנט און אַ קנייטש געטאָן זיין גרויסן, קלוגן שטערן. אַלע זיינען אנטשוויגן געוואָרן.

— ס׳איז פאַראַן דאָ אין שטאָט אַ ייִנגל, זיין נאָמען איז איציק־שפּיציק, ער איז אַ גרויסער חכם, ער קאָן אַלץ.

אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן פון פּאַלאַץ, אים אויפזוכן.

אָבער ווייט האָט מען נישט געדאַרפט גיין.

נישט ווייט פון פּאַלאַץ האָט זיך איציק־שפּיציק געשפּילט מיט אַ חברה ייִנגלעך; ווי סאָלדאַטן אויסגעשטעלט אין רייען, האָבן זיי מאַרשירט אהין

און צוריק. איציק־שפּיציק איז געגאַנגען פאַרוים מיט אַ פּאַפּירן מיצל אויפן קאָפּ און אַ הילצערן שווערדל אין האַנט.

אַלע זיינען געגאַנגען צום טאַקט און האָבן געזונגען:

גייען מיר שפּאַצירן
ווייט און ווייט אַוועק,
גייען מיר און גייען,
עס נעמט גאָר נישט קיין עק.
גייען מיר און גייען,
עס נעמט גאָר נישט קיין עק.
וואָס־זשע דאַרף אונדז אַרן,
זומער איז שוין דאָ,
קומען מיר נישט איצטער,
איז שפּעטער מיט אַ שעה.
קומען מיר נישט איצטער,
איז שפּעטער מיט אַ שעה.

דאָ האָט אים דער שני למלך אַ כאַפּ געטאָן און איידער וואָס־ווען, איז ער שוין געווען אין קעניגלעכן פּאַלאַץ.

איציק־שפּיציק האָט זיך געוואָרפן ווי אַ פישל, וואָס מען כאַפּט אַרויס פון וואַסער און אַז מען האָט אים אָפּגעלאָזט, האָט ער זיך צעשריגן:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ כאַפּעניש?

האָט מען אים דערציילט די גאַנצע מעשה.

האָט ער צוגעלייגט אַ פינגער צום רעכטן שלייף, אַ ווײַלע זיך פאַר־טראַכט און צוגעגאַנגען צום פּרינץ:

— ווילסט, דאָס טעלערל פון הימל?

— דאָס טעלערל, בור־הור־ו,

— דאָס טעלערל... דאָס טעלערל... וועלכעס? דאָס גאָלדענע צי דאָס זילבערנע?

— איך וויל ביידע!

— גוט, קריגסט עס, אָבער — איציק־שפּיציק האָט זיך אָפּגעשטעלט און איינגעגעסן זיך מיט זיינע אויגן אין קעניגלעכן מאַנטל... ער איז צו־געגאַנגען נאָענט און האָט אָנגעוויזן מיטן הענטל... קריג איך די גאָלדענע קנעפּ?

— אַז דו וועסט מיר קריגן ס'טעלערל — ביידע טעלערלעך.

— צוויי פעסלעך! — האָט איציק־שפּיציק געגעבן אַ באַפעל.

באַלד האָבן די קעניגלעכע דינער אַריינגעבראַכט צוויי גאָלדענע פעסלעך.

— קומט!

די זיבן און זיבעציק חכמים מיט אַלע מיניסטאָרן זיינען אים נאָכגעגאַנגען.

ער האָט זיי צוגעפירט ביז צום טייך. דאָרט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. געגעבן אַ קוק אויפן הימל ווו די זון איז געשטאַנען — און אויפן טייך, ווו די זון האָט זיך אָפּגעשפּיגלט.

איציק־שפּיציק מיטן עלטסטן פון די זיבן און זיבעציק חכמים האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שיפל און זיינען צוגעפאָרן צום פּלאַץ, ווו די זון האָט זיך געשפּיגלט אין טייך.

ער האָט געהייסן דעם אַלטן חכם שנעל אַריינלאָזן דאָס פעסל אין וואַסער, פּונקט ווו די זון איז.

דאָס וואַסער האָט אָנגעפילט דאָס פעסל און פון אויבן, ווי אַ טעלערל איז געלעגן די זון.

— שנעל פאַרמאַך! — האָט איציק־שפּיציק באַפוילן און גענומען שנעל פאָרן צום ברעג.

— האָבן מיר שוין, הייסט עס, איין טעלערל, דאָס גאָלדענע — האָט איציק־שפּיציק זיך פריילעך געריבן די הענט.

— דאָס צווייטע, דאָס זילבערנע? — האָבן די חכמים געפרעגט.

— כאַפּט נישט, לאָזט מיך אַ ווײַלע אָפּרוען.

דערווייל איז די זון פאַרגאַנגען און עס איז נאַכט געוואָרן.

מיטאַמאָל האָט זיך באַוויזן אַ שיינע, זילבערנע לבנה.

— איצט צו דער אַרבעט! — האָט איציק־שפּיציק באַפוילן.

זיך אַריינגעזעצט אין שיפל און צוגעפאָרן צום פּלאַץ, ווו די לבנה האָט זיך אַ רונדע, אַ זילבערנע געשפּיגלט.

— לאָז אַריין דאָס פעסל!

דאָס פעסל האָט זיך אָנגעפילט און איציק־שפּיציק האָט גענומען רודערן צום ברעג.

— איצט האָבן מיר שוין ביידע, דאָס גאָלדענע און דאָס זילבערנע טעלערל.

— און איצט, ווו זיינען מיינע קנעפּ?

עס איז געוואָרן אַ הורא — אַלע האָבן אים געקלאַפּט אין דער פּלייצע און מע האָט אים אָפּגעציילט צוועלף גילדערנע קנעפּ.

איציק־שפּיציק האָט זיך געגעבן אַ דריי און איז ניט געוואָרן.

כסלו

לכבוד חנוכה

דער טאַטע צינדט אַכט ליכטלעך אָן,
באַדינט פון שמש איינעם —
און אַלץ לכבוד חנוכה,
דעם יום טוב אונדזער שיינעם.

דער לערער שענקט אַ דריידל מיר
פון בליי געגאָסן ריינעם
און אַלץ לכבוד חנוכה,
דעם יום טוב אונדזער שיינעם.

הייסע לאַטקעס באַקט די מאַמע
פאַר מיר — איר זון דעם קליינעם
און אַלץ לכבוד חנוכה,
דעם יום טוב אונדזער שיינעם.



אין ארץ ישראל

חנוכה אין תל אביב

(פראַגמענט)

טויזנטער קליינע ליכטעלעך באַוועגן זיך אויף די גאַסן פון תל אביב.

די ליכטעלעך ציטערן און כוואַליען זיך אין דעם חושך פון דער נאַכט. עס איז היינט די ערשטע נאַכט פון חנוכה, דער חג האורות, דער יום־טוב פון ליכט.

האָבן די לערער אויסגעשטעלט זייערע שילער אין אַלע עקן גאַסן מיט אָנגעצונדענע ליכטעלעך אין די הענט גרייט צום מאַרש. זיי וועלן מאַרשירן צו אַ פּלאַץ וווּ מע וועט זיי געבן חנוכה־געלט.

רוישן די גאַסן מיט קינדערשער פרייד, זעט עס אויס ווי שטערן וואָל־טן פון הימל אַראָפּגעפאַלן.

היינט, אין דער נאַכט פון חנוכה, אין דעם יום טוב פון ליכט, האָבן די קינדער איבערגענומען די גאַסן פון תל אביב.

פון דער גרויסער שול אויף דער אַלענבי־גאַס שיינט אַראָפּ אַ גרויסע חנוכה־מנורה און די גאַסן וויגן זיך אין אַ ים פון ליכט.

די גאַסן זיינען פאַרקלונגען פון קינדער־געזאַנג. קינדער זינגען:

— הבה נגילה — עם ישראל חי! — און אַנדערע לידער.

קינדער זינגען און טאַנצן מיט ליכטעלעך אין די הענט.

עס טאַנצן ליכטעלעך אויף דער ערד און עס טאַנצן שטערן אין הימל.

עס לייכטן קינדערשע פּנימלעך און עס לייכט דער טיפער בלויער ארץ ישראלדיקער הימל און עס דאַכט זיך אַז איצט איז אין גאַנץ תל אביב איין גרויסע, ליכטיקע פרייד — עס איז היינט די ערשטע נאַכט פון חנוכה — דער יום טוב פון ליכט.

דער דריידל

ערב חנוכה האָט די מאַמע געקויפט פאַר איר בערעלען א דריידל. האָט בערעלע גענומען דעם דריידל אין האַנט אריין און האָט אים געדרייט אויפן טיש.

דער דריידל האָט זיך געדרייט אויפן טיש פון איין ברעג צום אַנדערן, זיך געדרייט און געשפרונגען ביז ער איז אַראָפּגעשפרונגען פון טיש. ווייטער זיך געדרייט און געשפרונגען ביז ער איז צוגעקומען צו דער אָפענער טיר און איז אַרויס אין דרויסן.

איז דער דריידל געלאָפן פון גאַס צו גאַס ביז ער איז אַרויס פון שטאָט און בערעלע נאָך אים. איז דער דריידל אַרויף אויף הויכע בערג און אַראָפּ אין טיפע טאָלן, ביז אונדזער בערעלע איז שוין מיד געוואָרן פון לויפן און... דער דריידל איז פארשוואונדן.

האָט בערעלע אָנגעהויבן וויינען. אים איז אַ שאָד געווען דער דריידל. האָט בערעלע געוואָלט אהיים, האָט ער נישט געוווּסט דעם וועג. די זון איז פארגאַנגען, עס איז געקומען דער טונקעלער אָוונט, און אונדזער בערעלע שטייט אַ פארבלאָנדזשעטער אין אַ פינצטערן וואַלד און וויינט.

מיטאַמאָל האָט בערעלע דערזען פון דער ווייטן אַ פונק ליכט. איז בערעלע צוגעלאָפן צו דעם אָרט פון וואַנען עס איז געקומען די ליכט. האָט ער דערזען אַ טיפע הייל, איז ער אריין און פּלוצלונג דערזעט ער אַ גרויסן, שיינעם, ליכטיקן זאַל. אינמיטן זאַל שטייט אַ גרויסע, גאָלדענע מנורה. אַן אַלטער מאַן מיט אַ לאַנגער גרויער באָרד שטייט און צינדט אָן ליכטעלעך אין דער מנורה. און פון זיין רעכטער זייט און פון זיין לינקער זייט שטייען פינף גיבורים מיט שווערדן אין די הענט.

איז אויף בערעלען אָנגעפאַלן אַ פּחד און ער האָט אָנגעהויבן ציטערן. זאָגט צו אים דער אַלטער מאַן מיט ליבשאַפט:

— האָב נישט קיין מורא, מיין קינד, איך בין מתתיהו דער חשמונאי און אָט די גיבורים זיינען מיינע פינף זין, די העלדישע מכביער.

דער אַלטער מאַן האָט געגעבן בערעלען אַ גאָלדענעם דריידל און האָט צו אים אַזוי געזאָגט:

— נאַ דיר אַ גאָלדענעם דריידל און דאָס וועט זיין פאַר דיר אַן אָנדענק אַז דו ביסט געווען אין דער הייל פון די חשמונאים און איצט, גיב אַ דריי דעם דריידל און ער וועט דיך אהיים פירן.

האָט זיך אונדזער בערעלע זייער שטאַרק דערפרייט, ער האָט געקושט מתתיהו החשמונאי אין האַנט, זיך געזעגנט מיט די מכביער און אַ דריי געטאָן דעם דריידל.

באַלד איז בערעלע געווען אין דער היים און ער האָט דערציילט טאַטע־מאַמע און זיינע חברים אַז ער איז געווען אין דער הייל פון די חשמונאים און ער האָט אַלעמען געוויזן דעם גאָלדענעם דריידל.

געענדיקט דער שוליאָר.

אינהאַלט:

שבט

זייט

דער ערשטער טאָג אין צווייטן קלאַס — 5

וואָס מיר זיינען, זיינען מיר. (פאָלקסליד) — 6

מאַטעלע ווערט אַ לערער. — ה. בארקאַן — 6

דער זייגער (ליד) — משה שיפרים — 7

עטעלע און מאַטעלע פלאַנצן ביימער אין ארץ ישראל. — ח' בארקאַן — 8

חוני המעגל. (אגדה) — 9

אדר.

יוסף טרומפלדור — 11

פורים (ליד) — רבקה גאלין — 12

שלח מנות — לויט שלום עליכמען — 14

יאכנע דוואשע (פאָלקסליד) — 14

אברהמל (אַנעקדאָט) — 15

ווו בין איך? — 16

צוויי חברים — 16

ארעלע־נארעלע — 18

ניסן

פסח (ליד) — יצחק קאצנעלסאָן — 21

פריידעלע האָט ליב דעם סדר — ה. בארקאַן — 21

אַ גאַסט אויף פסח (לעגענדע) — 24

משה און דאָס שעפעלע (פון די אגדות) — 26

חד גדיא — לויט פרצן — 27

משה און דער דאָרן (פון די אגדות) — 28

יאנוש קאָרטשאַק — 29

יזכור־ליד — מאַשע שטוקער־פאַיוק — 30

זייט

אייר

די קליינע העלדן פון כפר תבור — י. יערי־פאָלעסקין — — — — — 31
דער קליינער מכבי (פראגמענט) — מנשה אונגער — — — — — 32
מוטער־טאָג (פאָלקסליד) — — — — — — — — — — — 34
די ליבע מאַמע — ח. בארקאן — — — — — — — — — 35
דער טייערער אוצר (לעגענדע) — — — — — — — — — 36
א זיסע זאך — ח. בארקאן — — — — — — — — — — 37
מיין מיידעלע (ליד) — זישע וויינפּער — — — — — — — 37

סיון

שבועות־ליד — אברהם רייזען — — — — — — — — — — 38
תורה איז די בעסטע סחורה — (אגדה) — — — — — — — — 40
ווי אזוי הלל האָט געלערנט תורה — — — — — — — — — 41
בכורים. (ליד) — י. וויניעצקי — — — — — — — — — 42
מאָרגן, מאָרגן, — — — — — — — — — — — — — 43
דער רעטעך — י. ראווין — — — — — — — — — — — 45

תמוז

נישט צו פארשעמען. (א מעשה וועגן דאָקטאָר בנימין זאב הערצל,
ווען ער איז נאָך געווען א יינגל) — — — — — — — — 48
דאָס אָרעמע יינגל, וואָס איז געוואָרן א גרויסער דיכטער — — — — 50
— ש. סיימאן — — — — — — — — — — — — — — 51
אונטער די גרינינקע ביימעלעך (ליד) — ח. נ. ביאליק — — — — 53
די זאנגען אין פעלד (משל) — — — — — — — — — — 54
צופיל עפּל — — — — — — — — — — — — — — 54
צוויי פעסער — — — — — — — — — — — — — — 55

אב

חורבן (לעגענדעס) — — — — — — — — — — — — 56
די צוויי ברידער — — — — — — — — — — — — — 57
די קלוגע קינדער פון ירושלים (פון די אגדות) — — — — — — 58
דער הירש און די בלעטער — — — — — — — — — — — 60
ווען עס רעגנט. (ליד) — אידא קאַזלאָווסקי־גלאַזער — — — — — — 60
זומער־רעגן. (ליד) — מאני לייב — — — — — — — — — 62

זייט

אלול

לכבוד שבת	63
אַ מעשה פון אַן אָרעמען און אַ רייכן ברודער	64
די ביימער און די האַק	67
דער הונט מיטן ביין	67
די מיל. (באַלאַדע) — קאַדיע מאָלאָדאָווסקי	68
דער פוקס און דער ווײַנגאָרטן. — פון קרילאָווס פאַבלען. יידיש — מ. ריוועסמאַן	71

תשרי

מיין זיידנס ברכה. (ליד) — ש. ש. פרוג	74
אונדזער סוכהלע. (ליד) — אברהם רייזען	74
מיגעל הידאַלגאָ	75
דער הונט און דער וואָלף. (משל) — י. פעדרא	76
דער ריז און דער זיין־גאָרטן	77

חשון

טעלעוויזיע. (ליד) — מ. אליצקי	78
דער פוקס און די פישעלעך. (פון די אגדות)	79
פרינץ אחשלמך וויל דאָס טעלערל פון הימל — משה שיפרים	80

כסלו

לכבוד חנוכה. (ליד) — ח. נ. ביאַליק; יידיש — י. נויכבערג	85
חנוכה אין תל אביב. (פראגמענט) — מנשה אונגער	76
חנוכה אין תל־אביב. (פראגמענט) — מנשה אונגער	86
דער דריידל — יהודה שטיינבערג	87
אינהאַלט	89